Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Der neyer "Seyfer ha-drosheṡ"

a bukh fir ale Iden ; enṭhalṭ ariber hunderṭ drosheṡ

Sefer Be-reshit - parasha Be-reshit

**Shṿemer, Shemuʾel**
**שוועמער, שמואל**

**Iaşi, 1936**

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-4426**

Visual Library

# דער נייער „ספר הדרשות"

## א בוך פיר אלע אידען

### ענטהאלט אריבער הונדערט דרשות

אויף יעדע סדרה פון דער תורה און אויף אלע ימים טובים. וועלכע בעהאנדלען די ברענענדיגסטע פראגען בנוגע צו אידען און אידענטום פון די נאנץ ערשטע צייטען ביז אין די געגענוועדטיגע צייט.

ערשטער טייל

ספר בראשית

ערשטער העפט פרשה בראשית

צווייטער העפט, פרשות נח, לך.

פערפאסט פון הרב **שמואל שועמער** יאסי

פערפאסער פון מערערע ספרים אין עבראיש און אידיש, און ארויסגעבער פון די „אידישע וויסענשאפט", א זשורנאל פיר ליטעראטור, היסטאריע וויסענשאפט, ביאגראפי און חדושי תורה.

יאסי תרצ"ו

---

# NOUA CARTE A PREDICILOR

**CUPRINDE**

Peste una sută predici religioase rostite în diferite ocaziuni în sinagogile şi templele din ţară de

**Rabinul ŞMIL H. ŞFEMER**

autorul mai multor opere literare şi ştiinţifice.

**IAŞI 1936**

Tip. „PROGRESUL" A. GRIMBERG, Iaşi
Str. Victor Place No. 7 (în curte.)

UNIVERSITÄT POTSDAM
Universitätsbibliothek

# דער נייער „ספר הדרשות"

## א בוך פאר אלע אידען

### ענטהאלט אריבער הונדערט דרשות

אויף יעדע סדרה פון דער תורה און אויף אלע ימים טובים. וועלכע בעהאנדלען די ברענענדינסטע פראגען בנוגע צו אידען און אידענטום פון די גאנ'ץ ערשטע צייטען ביז אין די געגענווערטיגע צייט.

ערשטער טייל

ספר בראשית

ערשטער העפט פרשה בראשית

פערפאסט פון הרב **שמואל שוועמער** יאסי

פערפאסער פון מערערע ספרים אין עבראיש און אידיש, און ארויסגעבער פון די „אידישע וויסענשאפט", א זשורנאל פיר ליטעראטור, היסטאריע וויסענשאפט, ביאגראפי און חדושי תורה.

יאסי תרצ"ו

---

# NOUA CARTE A PREDICILOR

**CUPRINDE**

Peste una sută predici religioase rostite în diferite ocaziuni în sinagogile și templele din țară de

**Rabinul ȘMIL H. ȘFEMER**

autorul mai multor opere literare și științifice.

**IAȘI 1936**

Tip. „PROGRESUL" A. GRIMBERG, Iași
Str. Victor Place No. 7 (în curte.)

יהודא ליב צירלסאהן
אב"ד דק"ק קעשנוב
רב הכולל ויועץ מלומד רשמי למדינת
בסרביא רומניא

**L. ȚIRELSON**
**PRIM RABIN ŞI CONSILIER**
**TEHNIC ERUDIT AL**
**BASARABIEI**
**CHIŞINĂU ROMÂNIA**

ב"ה

ספר הדרשות להרב המצוין בתורתו ובחרדתו מו"ה שמואל נ"י שוועמער מיסי, הנהו אוצר בתוכו רעיונות נעלים תורניים-לאומיים, רעיונות כאלה, להיותם מובעים בשפת יהודית המדוברת ברוב תפוצות ישראל, עלולים לקרב הרבה לבבות לאביהם שבשמים.

רצוי הוא מאד ספר אשר כזה, שיתפשט בישראל באמצעות הדפוס.

הכו"ח י"ט אדר, תרצ"ו.

יהודה ליב צירלסאהן אב"ד דק"ק קעשנוב
ורב הכולל דמדינת בסרביא

מקום ההותם דבית־דין צדק דק"ק קעשנוב והגליל

ב"ה

דער „ספר הדרשות" פון הרה"ח מו"ה שמואל שוועמער נ"י איז א אוצר פון תורה און נאציאנאלע געדאנקען, זייענדיג אויסגע־שפראכען אין „אידיש" וועלכעס ווערט גערעדט און פיל אידישע קבוצים, קענען זיי זעהר פיל ווירקען אויף די אידישע הערצער זיי צו דערנעהענטערען צו זייער פאטער אין הימעל.

ס'איז זעהר ווירדיג אז אזא בוך ווי דער „ספר הדרשות" זאל פארשפרייט ווערען צווישען אידען דורכ'ן דרוק.

יהודא ליב צירלסאהן אבד"ק קעשנוב ורב הכולל דמדינת בעסאראביע

# א פאר ווערטער צו די לעזער
## (במקום הקדמה)

שוין אריבער דרייסיג יאהר זינט איך זאג דרשות פאר אידען, אין א סך שטעט און שטעטליך איז מיין נאמען בעקאנט אלס פראָ־פעסיאנעלער דרשן, איך אליין פיל אז איך טוהע ב"ה זעהר פיל אויף מיט מיינע דרשות, א סך מאל זעהע איך ווי אידען ווערען בעגייסטערט פון מיינע רייד און עס ווירקט אויף זיי אויך אויף א צייט שפעטער.

מיינע דרשות וואס איך האב געזאגט אין משך פון די אלע יאה־רען זענען נישט פערלוירען געגאנגען, איך האב זיי אלע אויפגעשרי־בען און האב אזוי ארום געשאפען א גאנצען ספר הדרשות, אויף יע־דע סדרה פון דער וואך עטליכע דרשות און אזוי אויך אויף יעדען יום טוב און אנדערע וויכטיגע צייטען פונ'ם יאהר.

איך האב איצט אונטערנעמען די שווערע ארבייט צו פארעפענט־ליכען דעם דאזיגען ספר הדרשות, וועלכער איז געשריבען אין א ריין אי־דיש, און ענטהאלט הויכע און טיפע געדאנקען, ארויסגעזאגט אין א פאר־שטענדליכען לשון און אין א פאפולערעשע שפראך, בעהאנדלענדיג די וויכטיגסטע פראבלעמען בנוגע צו אידען און אידענטום, פון די גאנץ ערשטע ביז אין די לעצטע צייטען, נאך די דרשות פון יעדע סדרה ברייננ איך אויך א זאמלונג פון די גרעסטע אידישע אוטאריטעטען אויף די פסוקים און מאמרי חז"ל וואס ווערען דערמאנט אין די דא־זיגע דרשות, דיזע זאמלונג זענען דורך זייער טיפערען אינהאלט געשרי־בען אין עברעאיש.

מיין מאטעריעלע לאגע ערלויבט מיר נישט צו דרוקען דעם גאנצען ספר, וועלכער דארף קאסטען זעהר א גרויסע סומע געלד, אויף איין מאל, איך דרוק דאריבער צו איינציגע העפטען, יעדעס העפט וועט ענטהאלטען איניגע דרשות אויף א סדרה, אדער צוויי סדרות און אזוי ארום וועל איך אי"ה מיט דער צייט אבדריקען אלע מיינע דרשות אויף גאנץ תורה און אויף אלע ימים טובים.

ווער ס'וויל זיך באזארגען מיט אזא פראכטפאלען ספר, קען זיך אבאנירען, אויף דעם ספר הדרשות, אזוי אז ווען ס'וועט ערשיינען א העפט, זאל ער עס גלייך באקומען.

יעדער וואס וועט מיר ארייז שיקען הונדערט ליי איינגאבע, ווערט פאר רעכענט פאר א פראנעמע־אנט אויפ׳ן ספר און זיין נאמען ווערט געדרוקט אין אנהויב פון א העפט.

איך האף אז ווער ס׳וועט נור דערזעהען דעם ערשטען העפט, וועט זיך באלד אבאנירען אויפ׳ן גאנצען ספר, וואס אנבעטרעפט דעם גרויסען נוצען וועלכעם דער דאזיגער ספר הדרשות קען ברייגגען, געב איך איבער אין אנהויב פון יעדען העפט, די מיינונג פון אונזערע גדולי הדור און אנדערע פראמינענטע פאבלייטע אויף דעם ספר הדרשות.

איך וויל האפען, אז אחינו בני ישראל וועלען אנדערקענען מיין גרויסע ארבעט, און וועלען מיר אפערירען זייער גרעסטען קאנקורס אז איך זאל קענען אויספירען מיין גרויסע און שווערע אונטערנעמונג און צו אקטשעלערירען די ערשיינונג פון דעם גאנצען ספר הדרשות וועלכער וועט זיין דער שענסטער אידישער אוצר, ווי אם שנעלסטען.

יאסי איר תרצ״ו

**דער פערפאסער.**

---

אין אנהויב פון דיזען ערשטען העפט געב איך איבער די נעמען פון די יענינע אנשים השובים וועלכע האבען מיר נעגעבען א סובווענציע אויף דעם ספר הדרשות, און פון די וועלכע האבען זיך אבאנירט און נעגעבען איינגאבע, ואני תפלה אז דער זכות פון תורתינו הקדושה זאל זיי ביישטעהען און זיי זאלען נעבענשט ווערען מיט כל טוב אמן. המחבר.

הקהלה העברית קישינוב

הניד מר דוב שפרינציאק „

„ „ דוד ליפאוואצקי „

„ „ עקיבא בליצניוק „

„ „ שמחה ספיוואק „

בהמ״ד דשוק חדש קישנוב ע״י הנבאים מר יונה אכענבליט, ור׳ יצחק יתום.

הנגיד מר העניך שפירא אקערמאן

„ „ אברהם פריעדמאן צימישליע

„ „ ליב בר דניאל סקליאר „

בהמ״ד אהל חדש מגאלאין ע״י הנבאים מר יעקב הערשקאוויטש ומר דוד איידיק

בהמ״ד האנדווערקער טעמפעל גאלאין ע״י הגבאים מר אהרן העלמאן וה׳ ד. גרינבערג.

הנגיד מר איזאק מ. מאסקאוויטש יאסי

„ „ ראובן ב״ר יצחק הלוי סגל „

„ „ אליהו ב״ר שלמה ראזענבערג „

„ „ חיים ב״ר נח זעליקאוויטש „

„ „ יצחק מאיר ע״נ אביו גרשון ב״ר משה הכהן וע״נ אמו הינדא רייזא ב״ר יצחק מאיר וע״נ הותנו שלמה נתן ב״ר משה זאב. יאסי

הגיד מר אברהם בן יוסף אלי׳ הלוי „

„ „ חנינא שמואל „

„ „ צבי קויפמאן „

די נעמען פון די אלע וועלכע וועלען זיך אבאנירען אויפ׳ן ספר הדרשות פון איצט, וועלען געדרוקט ווערען אי״ה אין אנהויב פון צווייטען העפט וועלכער דרוקט זיך שוין.

---

# בראשית.

## א.

### טעמא! שבת בראשית, די פראבלעם פונ'ם מענשענס באשאפונג.

שבת בראשית איז א מאל געווען בא אידען א שטיקעל מיוחס, ווען אידען זענען געווען נאהענטער צו דער תורה און שמחת תורה איז געווען בא זיי א אמת'ע שמחה, ווייל זיי האבען מסיים געווען די תורה וועלכע, זיי האבען א גאנץ יאהר געלערענט, דאמעלס איז שבת בראשית געווען א עפילאָג צו דער שמחה פון שמיני עצרת און שמחת תורה, ווייל זיי האבען דאן אויפ'ס ניי אנגע־הויבען די תורה, איך געדענק נאך די יאהרען, ווען די בעלי בתים פונ'ם בית המדרש, האבען שבת בראשית צונויפגעבראכט צום גבאי די פעטע קוגלען און מ'האט זיך משמח געווען מיט א גוט גלעזעל וויין, דער גרונד פון דער שמחה איז אבער נישט געווען עסען און טרונקען, דער יסוד פון דער דאזיגער שמחה איז געווען, די תורה וועלכע מ'האט נאך א מאָל אנגעהויבען, די תורה וועלכע אידען האבען געלערענט און האבען זיך מיט איהר געקוויקט, אזוי ווי דער משורר זאגט: תורת ה׳ תמימה משיבת נפש[1] גאט'ס תורה איז גאנץ, אהן א פעהלער, זי דערקוויקט די נשמה, אין אונזערע צייטען האט אבער די געשמאקייט פון אידישע שמחות אויסגעוועפט, פיל פון אונזער נייעם דור ווייסען אפילו נישט די בעדייטונג פון שבת בראשית, און שבת בראשית איז שוין אוים מיוחס בא אידען, גלייך ווי אלע שבתים פון א גאנץ יאהר, איז שוין אום שבת בראשית אויך קאם דאָ א מנין אין שיל, פונקט ווי אלע שבתים פון א גאנץ יאהר, געפונען מיר שוין אום שבת בראשית אויך א אויסגעמיטשעט מנין אין בית המדרש, א מנין וועלכער באשטעט אם מיינסטען, פונ'ם חזן, שמש, א פאר אלטע אידען און איז קאמפלעקטירט מיט עטליכע יתומים וועלכע קומען „זאגן קדיש", און צו מאל פעהלט טאקי איינער צוויי און מ'מוז ווארטען מיט „ברכו" אדער מיט „קדושה", ביז דער שמש רופט אריין א צענטען פון דער גאס און ס'האט שוין פאסירט אז דער צענטער איז אריין אין שול מיט א פאר רויכערטען פאפיראס אין מויל אום שבת בראשית . . .

---

1) תהלים י"ט.

יא רבותי, אלעס איז בא אידען אין די לעצטע צייטען וואכעדיג געווארען, דאס אידישע פאלק איז גלייך מיט אלע פעלקער, פארכאפט געווארען אין דער גע'ץ פון מאטעריאליזם, אידען האבען, גלייך מיט די אומות העולם, אנגעהויבן גלויבן אין נאפאליאן באנאפארט'ס תורה, אז אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט: אויף געלד און אויף געלד און אויף געלד.

מיט אונז קומט איצט פאר, אזוי ווי יענער חסיד האט געענפערט זיין רבי'ן. מ'דערציילט, בא א רבי'ן איז געווען א חסיד, וועלכער פלעג בא איהם דאווענען פאר'ן עמוד אלע ימים נוראים, א מאל איז דער חסיד נישט געקומען, אודאי איז נישט געווען ווער ס'זאל צו געהען צום עמוד און מ'האט געמוזט דורך קומען ווי אזוי ס'איז, נאך ימים טובים, איז דער חסיד געקומען צום רבי'ן, פרעגט איהם דער רבי, היתכן? פאר וואס ביסטו נישט געקומען אויף ימים נוראים דאווענען בא מיר אזוי ווי דיין שטייגער? פארשטהט איר רבי — האט אים דער חסיד געענפערט — די צייט איז זעהר שלעכט און איך האב מיך גענויטיגט אין עטליכע טויזענטער, האב איך מיך פארדינגען צו דאווענען פאר געלד. אזוי? האט דער רבי זיך אנגערופען מיט גרויס תרעומות, „ובכן תן פחדך" איז שוין אויך פאר געלד? יא רבי — האט דער חסיד איהם צוריק געענפערט מיט א איראנישען טאן — אז „ובכן צדיקים" איז פאר געלד איז „ובכן תן פחדך" אויך פאר געלד....

ווען די אומות העולם האבען א מאל באשולדיגט אידען, אז זיי זענען א פאלק אהן אידיאל, א פאלק פון בלויזען מאטעריאליזמוס, א פאלק וועלכעס האט פארקויפט זיין נשמה צום שטן פון געלד, איז דאס געווען א ליגען א פאלשער בלבול, גלייך ווי אלע פאלשע בלבולים, וואס גוים האבען אויסגעטראכט אויף אידען, היינט מוזען מיר אבער מודה זיין, אז אין א געוויסען גראד איז דאס אמת, מיר זענען אין די לעצטע צייטען געווארען מאטעריאליסטיש געשטימט, אידען געבען איצט אוועק זייערע הויכסטע היילינגטימער פאר'ן אינטערעס פון געלד, געלד שטעהט איצט בא אידען העכער פון אלע זייערע אמאליגע היילינגטימער, צוליב געלד זענען היינט אידען מחלל שבת, צוליב א קאריערע פון פרנסה ציהען איצט אידען אויף זייערע קינדער מיט א גוישע ערציהונג, אלעס, אלעס איז זיך היינט א איך מתיר צוליב געלד, אלעס טוט א איד מיט דעם אויס רייד, צוליב פרנסה, צוליב עקסיסטענץ, אלעס וואס מ'טאר נישט, טוט א איד, מיט דעם איינציגען תירוץ, געלד, פרנסה, עקסיסטענץ....

דא פאסט זעהר דער ענפער וואס א איד האט א מאל געגעבען אויף דער פראגע, צו מעג א איד עסען א הינדעל געפרענגלט אין פוטער.

א רוסישער איד, א סוחר, איז א מאל געקומען אין א דארף צוליב א גע־

שעפט מיט'ן דארטינן פריץ, אין יענעם דארף האט געוואוינט א אידענע, וואס א דורכרייזענדער פלעג בא איהר באשטעלען א מיטאג, דער איד איז גאנץ פרי געגאנגען צו דער אידענע, זיך בעזארגען א אנבייסען, וואס זאל איך פאר אייך קאכען? האט די אידענע געפרעגט, איך ווייס? האט דער סוחר געענפערט, ס'מעג זיין א הינדעל געפרעגילט אין פוטער, — וואס? האט די אידענע א דערשראקענע געפרעגט — א איד מעג דען אזעלכעס עסען? נו — האט דער איד געלאסען געענפערט — און איהר מענט וואוינען דא אין דארף (דאמעלס האבען אין רוסלאנד אידען נישט געטארט וואוינען אין דערפער.) איהר ווייסט נישט, אז א איד טאר גאר נישט און טיט אלעס. . . .

אין דיזען אנעקדאט, שפיגעלט זיך אב דער כאראקטער פונ'ם היינטיגען איד, וועלכער טאר גאר נישט און טיט אלעס, א איד טאר נישט מחלל שבת זיין און איז מחלל שבת, ער טאר נישט עסען מאכלות אסירות און עסט נבלות וטריפות, דער היינטיגער איד טאר גאר נישט און טיט, צום בעדויערען, אלעס.

יא רבותי, שבת בראשית האט נישט מעהר דעם אויסזעהען בא אידען ווי א מאל, דער טאג, אין וועלכען מיר הויבען נאך א מאל אן די תורה, ווירקט שוין נישט אויף אידען, אזוי ווי ער האט אויף זיי געווירקט אין די פריהערע דורות, אויס מיט דער שמחה פון דער תורה, די תורה אליין איז געווארען בא אידען אויס מיוחס. .
נאר דא וועט קומען א איינפאכער איד און וועט פרעגען א קלאין קשיא, וואס איז אזוינס דער מעהר, וואס זאלען מיר זיך פרעהען אום שבת בראשית, ווייל מיר הויבען אן די תורה, וועלכע דערציילט אונז פון בריאת האדם, ווי אזוי גאט האט באשאפען דעם מענש, ווען די גאנצע באשאפונג פונ'ם מענש איז נאר א קליינער גליק פאר איהם, זעהען מיר נישט די גרויסע טראגעדי פון יעדען מענש אויף דער וועלט, די גרויסע פעק מיט צרות און ליידען, וואס יעדערער טראגט אויף זיינע פלייצעס, זעהען מיר נישט מיט אונזערע אויגען, די שרעקליכע אומגליקען וועלכע עס טרעפען פיל מענשען, קראנקהייטען, ארימקייט, עלענד און נויט און וועלכע מענשען ראנגלען זיך, אז זייער לעבען ווערט זיי נמאס און ווינשען זיך דעם טויט, וואסזשע איז אזוי גרויס די שמחה מיט דער תורה וואס דערציילט אונז צום אלעם ערשטען פון די באשאפונג פונ'ם מענש?

א גרויסער פילאזאף האט א מאל געזאגט, אז ער בעטראכט די מענשען פאר נאריש, דער מיט וואס זיי פרייען זיך ווען א מענש ווערט געבוירען און וויינען ווען ער שטארבט. נאך זיין שכל, וואלטען מענשען בעדארפט וויינען, ווען א קינד ווערט געבוירען, ווייל דער מענש קומט אויף דער וועלט, איבערצוטראגען אין משך פון זיין לעבען שרעקליכע צרות און אומגליקען, און מ'וואלט זיך בעדארפט פרעהען ווען א מענש שטארבט, ווייל ער ווערט בעפרייעט פון גרויסע צרות און טראגעדיעס.

נור אפשר וועט איהר וועלען זאגען רבותי, אז דאס איז נאר א פילאזאפישע מעאריע, אבער מיר אידען דארפען גלויבען אז די באשאפונג פונ'ם מענש איז א טובה פאר איהם. וועל איך איך דא ברייננען איינינע בעווייזע, אז אונזערע חכמים האבען אויך בעטראכט די באשאפונג פונ'ם מענש פאר'ן גרעסטען אומגליק און אז עס וואלט פאר'ן מענש אליין פיל בעסער געווען ווען ער זאל נישט געווען געבוירען ווערען.

צווי מיט א האלבען יאהר — דערציילט אונז די גמרא[1]) — האבען איבער דיזער פראבלעם, דיסקוטירט די גרעסטע אידישע חכמים, די בית שמאי און די בית הלל, צו איז בעסער פאר'ן מענש וואס ער איז געבוירען געווארען צו וואלט פאר איהם פיל בעסער געווען אז ער זאל נישט געווען געבוירען ווערען, ביז זיי זענען ענדליך געקומען צום בעשלוס, אז עס וואלט טאקי פיל גלייכער געווען פאר'ן מענש ער זאל נישט געווען געבוירען ווערען. אויף א אנדער ארט זאגען אונזערע חכמים [2]) אז אויך די מלאכים אין הימעל זענען געווען געגען דער באשאפונג פונ'ם מענש, און האבען געזאגט צום באשעפער, מה אנוש כי תזכרנו, ובן אדם כי תפקדנו [3]) מיט די דאזיגע ווערטער האבען די מלאכים אויסגעשפראכען זייער פראטעסט, געגען דער באשאפונג פון אדם הראשון, מיט מה אנוש כי תזכרנו, און געגען די באשאפונג פון די גאנצע מענשהייט, מיט ובן אדם כי תפקדנו.

אזוי דערציילען אויך די חכמי המדרש [4]), אז פיל מלאכים פונ'ם הימעל. זענען געווען בא דער מיינונג אז דער מענש זאל נישט באשאפען ווערן. דער מלאך וואס הייסט „אמת" האט געזאגט, אל יברא, דער מענש זאל נישט בעשאפען ווערען, און דער מלאך וואס הייסט „שלום", איז אויך געווען בא די זעלבע מיי־נונג, אל יברא, דער מענש זאל נישט באשאפען ווערען.

און צוליב דעם, ווייל די שאפונג פונ'ם מענש איז בכלל נישט קיין גליק, הויבען זיך אן די „עשרת הדברות", לויט די מיינונג פון מערערע מפרשים. אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים [5]) און נישט אשר בראתיך, ווייל, נח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא, עס וואלט פיל בעסער געווען פאר'ן מענש ער זאל נישט געווען באשאפען ווערען. . .

און צוליב דעם זעלבען טעם, מאכען מיר יעדען פריה מארגען די ברכה, שלא עשני אשה, און נישט שעשני איש, ווייל ווי אזוי קען א מענש מאכען א ברכה אין לויבען דעם אויבערשטען אויף דעם וואס ער האט איהם באשאפען, ווען דאס לעבען אליין איז דער גרעסטער אומגליק. ער קען איהם עכסטענס געבען א דאנק, דערפאר, אז אויב ער איז שוין יא באשאפען געווארען איז ער האטש נישט

1) עירבון י"ג. 2) סנהדרין ל"א. 3) תהלים ה' 4) בראשית רבה פ"ה. 5) שמות כ.

באשאפען געווארען א נקבה, וועלכע איז אונטערוואַרפען נאך מעהר צרות און ליידען אלס א מאן.

און עס ווייזט אויס אז אונזערע חכמי המדרש האבען אויך בעטראכט דעם טויט פונ'ם מענשען אלס א ערלעזונג און א רעטונג פון אלע זיינע אומגליקען און ליידען, ווייל אויפ'ן פסוק, וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד [1] און גאט האט דערזעהן די גאנצע שאפונג און זי איז זעהר גוט, זאגען אונזערע חכמי המדרש, טוב זה החיים, גוט איז דאס לעבען, מאד זה המות, [2], זעהר גוט דאס איז דער טויט.

די חכמי המדרש האבען אונז דא ענטדעקט זייער אנשוהונג אויף דעם באשאַ־פונג פונ'ם מענש, אפשר וועט זיך דאך עמיצער נעפונען און זאגען אז דאס לעבען איז גוט, צוליב די ביליגע פערגניגענס און וואלוועלע תאות וואס א מענש געניסט צו מאל אויף דיזער וועלט און וועט וועלען זאגען, אה, טוב זה החיים, אז לעבען איז פארט גוט, זאל ער וויסען אז אויב ער רעכענט דאס לעבען פאר גוט, איז, מאד זה המות, איז דער טויט פיל בעסער, ווייל וואס פאר א ווערט האבען די עטליכע ביליגע פערגניגענס וואס דער מענש געניסט צו מאל פון דער וועלט געגען די שטענדיגע אומגליקען און יסורים וואס רינגלען איהם שטענדיג ארום, פון וועלכע נור דער טויט בעפרייעט איהם.

און אז עמיצער וועט וועלען ענפערן אויף דער דאזיגער פראגע, דער מענש אליין איז שולדיג אין זיינע צרות און ליידען, א סימן אז אדם הראשון בעפאר ער האט געזינדיגט האט געלעבט גליקליך, עס האט איהם גאר נישט גע־פעהלט, זיך געזעסען אין גן עדן אהן דאגות און אהן זארג, און ערשט נאך דעם וואס ער האט געזינדיגט, האט איהם השי"ת ארויס געשליידערט פונ'ם גן עדן און עס האבען זיך אנגעהויבען שיטען אויף זיין קאפ צרות און ליידען, און עס איז געקומען אויף איהם די גרעסטע צרה פון, בזיעת אפיך תאכל להם [3], און אזוי זענען אלע מענשען שולדיג אין זייערע צרות, ווייל זיי פירען נישט קיין ארינטלי־כען לעבען, ברייננען זיי אליין אומגליקען אויף זיך, אזוי ווי שלמה המלך האט געזאגט, אולת אדם תסלף דרכו ועל ה' יזעף לבו [4]) דאס נארישקייט פונ'ם מענש פארקרימט זיינע וועגען און איז גאר ברוגז אויף גאט און פרעגט שאלות אופ'ן באשעפער, פאר וואס דאס לעבען איז אזוי שווער און ביטער, דעם זעלבען געדאנק האט שלמה ארויסגעזאגט אויך אויף א אנדער ארט: ראה זה מצאתי אשר עשה האלקים את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים, [5] זעה נור וואס איך האב אויסגעפונען, גאט האט בעשאפען דעם מענש ער זאל זיין

---

1) בראשית א לא 2) ב"ר פ"א. 3) בראשית א. 4) משלי י"ט. 5) קהלת ז.

לייטעש, אבער זעה, די מענשען האבען נעזוכט צו פארדרייען זייערע השבונות. דאס הייסט, אז דער מענש איז אליין שולדיג אין זיינע אומגליקען. די מענשען מאכען אליין שווער זייער לעבען דורך זייערע פארקרימטע וועגען און פארדרייטע השבונות, א סימן אז נאט האט טאקי באשאפען אדם הראשון גוט און פיין, נור ער האט זיך פארזינדיגט און האט נעבראכט אויף זיך צרות און אזוי ברייג־נען אויך אלע מענשען אויף זיך אומגליקען דורך זייערע שלעכטע און פערדאר־בענע מעשים.

דער דאזיגער תירוץ וואלט אפשר געווען אננענומען, ער ווערט אבער אבגע־פרעגט, דורך דעם, ווייל דאס וואלט רעכט נעווען, ווען מיר זאלען זעהען אין דער וועלט פרומע ערליכע לייטע ליידען נישט און לעבען זיך גרינג און נור זינדיגע און שלעכטע ליידען דורך זייערע שלעכטע מעשים, וואלטען מיר נעזאגט, אמת, די מענשען אליין זענען שולדיג אין זייערע צרות און ליידען, ווען מיר זעהען אבער אז, יש צדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים, פאראהן צדיקים וואס ליידען גלייך זיי וואלטען נעטאן אזוי ווי די מעשים פון רשעים, ויש רשעים שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים [1]) און ס'איז ווידער פאראהן רשעים וואס עס געהט זיי גוט גלייך ווי זיי וואלטען נעטאן מעשים פון צדיקים, דאס הייסט, נישט אלע צדיקים איז שלעכט און נישט אלע רשעים איז גוט, נור „יש“ צדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים ו.„יש“ רשעים שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים, פאראהן נור א טייל צדיקים וואס איז זיי שלעכט און א טייל רשעים וואס איז זיי גוט, אזוי אז פון ביידע קאטינא־ריעס צדיקים און רשעים, איז דא א טייל וואס לעבען גרינג און א טייל וואס ליידען, זעהט זיך דערפון ארויס אז ס'איז נישט געווענט אין די מעשים טובים אדער אין די שלעכטע מעשים פונ'ם מענש, בלייבט ווידער די פראגע צו וועלכען צוועק האט דער אויבערשטער בעשאפען דעם מענש ער זאל אזוי פיל ליידען, צו וועלכען צוועק האט ער בעשאפען די מענשהייט וואס דער גרעסטער טייל לעבט שווער און ליידעט שרעקליך און נור נאר א אנבעדייטענדער קליינער טייל נעניסט עטוואס פונ'ם לעבען ? . . .

און אז מיר זאלען אפילו אנעכען אז אין אמת זענען טאקי די מענשען אליין שולדיג אין זייערע צרות און ליידען, דורך זייערע שלעכטע מעשים, און דאס וואס מיר זעהען צו מאל אז א רשע נעהט גוט און א צדיק נעהט שלעכט איז דאס דער פאר, ווייל דאס גוטע און דאס שלעכטע ווערט נישט באצאהלט לויט די האנדלונג פון אינדיווידועלע מענשען, נור לויט די מערהייט און ווייל דער רוב מענשען זענען זינדיג ליידען דערונטער צו מאל אויך אונשולדינע, אזוי ווי

---

1) קהלת ה.

דער אויספּרוך פון דער גמרא איז, בהדי הוצא לקי כרבא [1], מיט'ן דארען, ווערט אויך אויסגעריסען דער גרינצייג. אדער אזוי ווי די משנה זאגט, אוי לרשע אוי לשכנו [2] אז ס'איז וועה דעם רשע איז אויך וועה זיין שכן. און ווייל די מעהרהייט פון די מענשען זענען זינדיג ליידען צווישען זיי אויך גוטע, אבער לעולם זענען טאקע מענשען אליין שולדיג אין די צרות און ליידען אין וועלכע מענשען מאטערען זיך אויף דער וועלט, וואסושע פאר א טענה האבען מיר ווידער צום באשעפער וואס ער האט באשאפען מענשען זאלען זיך אזוי פלאגע און מאטערען אין דעם גיהנום וואס הייסט וועלט. ווען די מענשען אליין זענען שולדיג אין דעם ? דאס איז אבער קיין תירוץ נישט, ווייל אפילו מיר זאלען זאגען אז די מענשען אליין האבען געבראכט אויף זיך צרות און ליידען דורך זייערע שלעכטע מעשים, בלייבט ווידער די פראגע, צו וועלכען צוועק האט טאקי השי"ת באשאפען די מענשען, וואס וועלען ווערען זינדיג און ברייגנען אויף זיך גויט און פיין, דער בורא כל העולמים וועלכער ווייסט אין אנהויב דעם סוף, דער באשעפער פון דער וועלט, וואס ווייסט אלעס פון פריר, האט דאך געקענט וויסען אז דאס פיינע מענשעלע וועלכעס ער האט באשאפען, וועט נישט קענען אויסאלטען די מלחמה מיט'ן יצר הרע, און וועט סוף כל סוף זינדיגען און נאך איהם וועט די גאנצע מענשהייט ווערען פארדארבען און וועלען ברייגנען אויף זיך שרעקליכע אומגליקען, וואס האט איהם גענוצט די גאנצע קאמעדיע, צו וועלכען צוועק האט ער בעדארפט באשאפען א וועלט מיט זינדיגע ברואים, א וועלט מיט ווילדע היות אין געשטאלט פון מענשען אין וועלכער-זיי זאלען זיך מאטערען און אזוי פיל פלאגען ?

און אז מיר וועלען זיך א ביסעל מעהר פארטיפען אין דער דאזיגער הקירה, וועט אונז נישט קשה זיין נור אויף די באשאפונג פונ'ם מענש, צוזאמען מיט דער דאָזיגע פראבלעם, צו וועלכען צוועק האט דער אויבערשטער באשאפען דעם מענש, וואס איז אזוי זינדיג, און ליידעט אזוי פיל, אין משך פון זיין לעבען, צוזאמען מיט דיזער פראבלעם, וועט אונז קשה זיין נאך העגליכע זאכען. . . .

מיר זעהען, אז די תורה האט געלעגט זעהר פיל געוויכט אויף דעם ענין פון יציאת מצרים, בא יעדער געלעגענהייט דערמאנט אונז די תורה, מיר זאלען געדענקען, אז מיר זענען געווען פארשקלאפט אין מצרים און השי"ת האט אונז פון דארט בעפרייעט, נישט וועניגער פון פונפציג מאל ווערט אין דער תורה דער־מאנט דער ענין פון יציאת מצרים [3], ד׳ עשרת הדברות הויבען זיך אן, אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים [4]. איך בין גאט דיין גאט וואס האב דיך

---

1) ב"ק צ"ב 2) נגעים פי"ב מ"ו. 3) זעה תקוני זהר תקונא תלתין ותרין.
4) שמות כ׳.

ארויסגעצויגען פון לאנד מצרים, איינע פון די זעקס „זכירות" [1]) וואס א איד דארף זאגען אלע טאג נאכ'ן דאווענען, איז אויך די זכירה פון יציאת מצרים, פיל מצות פון דער תורה ווי: שבת, יום טוב, שמיטה, רבית, ציצית, משקלות וכדומה, זענען פארבינדען מיט יציאת מצרים, א חוץ די מצות פסח, מצה און מרור וועלכע שטעהען אין א דירעקטע פארבינדונג מיט דעם ענין פון יציאת מצרים, פסח אויפדער־נאכט איז א בעזונדערער חוב צו דערצעהלען פון יציאת מצרים. אזוי ווי מיר זאגען ואפילו כלנו חכמים, כלנו נבונים, כלנו יודעים את התורה, מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים, וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח [2]), אפילו מיר זענען אלע קלוגע לייט, אלע פארשטענדיגע, אלע קענען מיר די תורה, איז א „מצוה" צו דערציילען פון יציאת מצרים, און ווער עס דערציילט וואס מעהר פון יציאת מצרים איז ווערט ער זאל געלויבט ווערען.

דא פרעגט זיך אויך די פראגע, וואס איז געווארען פון די אלע נסים און פונ'ם גאנצען יציאת מצרים מיר זענען ווידער אריין אין פערשידענע גלות'ען, איבערהויפט איצט אין דיזען גלות אין וועלכען מיר זענען שוין אריבער אכצענ־הונדערט יאהר צוזייעט און צושפרייט אין אלע עקען פון דער וועלט ארום גערינגעלט מיט בלוטיגע שונאים וועלכע זוכען אלע מיטלען אונז אומצוברייגנען וואס פאר א בעדייטונג האבען פאר אונז איצט די נסים פון יציאת מצרים וואס מיר דארפען אזוי פיל מאל דערמאנען.

און אז נאט האט אונז אריין געבראכט קיין ארץ ישראל, מקיים צו זיין די ווערטער: זאת הארץ אשר נשבעתי לאברהם ליצחק וליעקב לאמור לזרעך אתננה דאס איז דאס לאנד וואס איך האב געשוואוירען צו אברהם, יצחק און

---

1) די זעקס „זכירות" זענען: שבת, יציאת מצרים, מתן תורה, מעשה העגל. זכירות מרים, און מחית עמלק. א טייל רעכענען זיבען „זכירות" און די זיבעטע איז, זכירת המן, הגאון רבי יעקב עמדין ז"ל רעכענט צעהן זכירות און עס קומען דער־ריבער צו.: מיר זאלען געדענקען אז השי"ת שפייזט די וועלט. אזוי ווי די תורה זאגט „וזכרת" את ה' אלקיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל, אז נאט האט אונז נערעטעט פון בלק און בלעם, אזוי ווי דער פסוק זאגט: עמי „זכר" נא מה יעץ בלק מלך מאב ומה ענה אותו בלעם בן בעור און צו געדענקען ירושלים, אזוי ווי עס שטעהט; אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני, תדבק לשוני לחכי אם לא „אזכרכי", בא די אלע שטעהט „זכירה".

2) הגדה של פסח- פיסקא עבדים היינו.

א טייל מפרשים פרעגען, אויב דאס דערציילען פון יציאת מצרים איז א מצוה, אזוי ווי דער בעל הגדה זאגט: „מצוה" עלינו לספר ביציאת מצרים, פאר וואס מאכען מיר נישט קיין ברכה, אשר קדשנו במצותיו וציונו לספר ביציאת מצרים, אזוי ווי מיר מאכען א ברכה אויף יעדער מצוה, על אכילת מצה, על אכילת מרור, לשמוע קול שופר, על מקרא מגילה וכדומה? דער תירוץ איז, אז מיר קענען מאכען א ברכה

יעקב אין געזאגט צו דיינע קינדער וועל איך זי געבען, [1]) וואס איז געווארען פון דאר דאזינער געטליכער הבטחה נאך דעם וואס מיר זענען פארטריבען געווארען אין פארשידענע גלות'ען און דאס לאנד וואס גאט האט געשוואוירען אז ער וועט עס אונז געבען, איז אין פרעמדע הענד און מיר וואנדערען פון איין גלות אין צווייטען.

און ווען שלמה המלך האט געענדיגט דעם בוי פונ'ם בית המקדש, איז די שמחה פונ'ם גאנצען אידישען פאלק געווען גרויס אהן א עק, אזוי ווי דער פסוק דערציילט אונז: ויעש שלמה בעת ההיא את החג, און שלמה האט אין יענער צייט געמאכט דעם יום טוב, וכל ישראל עמו קהל גדול, און אלע אידען מיט איהם א גרויסע פערזאמלונג, מלבא חמת עד נהל מצרים, פון חמת ביז מצרים, לפני ה' אלקינו, פאר גאט אונזער גאט, שבעת ימים ושבעת ימים ארבעה עשר יום, [2]) זיעבען טאג און זיעבען טאג, פערצען טאג, פרעגט זיך אויך די זעלבע פראגע, וואס איז די שמחה געווען אזוי גרויס, אז דער זעלבינער בית המקדש האט בעדארפט שפעטער חרוב ווערן, און גוים זאלען פארשוועכען זיין היילינקייט?

דער שליסעל צו די אלע פראגען איז אבער איינער, ווען מיר זאלען וועלען דענקען, אז די מענשען וועלען פערבלייבען אין זייער זינדיגען צושטאנד, און אייביג וועלען זיי זיך ראנגלען און מאטערען אין די נעגעל פון די גרעסטע אומגליקען, אזוי ווי מיר זעהען איצט, וואלטען מיר געווען בארעכטיגט מיט אונזער פראגע, וואצו האט גאט בעדארפט בעשאפען דעם מענשען וועלכער איז אזוי זינדיג און ליידעט אזוי פיל, מיר גלויבען אבער אנדערש, אונזערע נביאים האבען אונז פאר־זיכערט אז סוף כל סוף וועט דער מענשליכער גייסט געלייטערט ווערען, און אלע שלעכטינקייטען פונ'ם מענש וועלען פארשווינדען, אזוי ווי עס לויטען די ווערטער פון ישעי' בן אמוץ, ומלאה הארץ דעה, און אלע מענשען אויף דער ערד, וועלען

נאר אויף אזא מצוה וואס זי האט א מאס, למשל מיט א כזית מצה אדער מרור איז מען שוין יוצא די מצוה, תקיעת שופר, מקרא מגילה און אזוי אלע מצות האבען א מאס, אפילו למוד התורה האט אויך א מאס, אזוי ווי די גמרא זאגט, אפילו לא קרא אדם אלא ק"ש שחרית וערבית יצא ידי למוד התורה, (מנחות צ"ט) און אפילו נאך דעם תנא וואס האלט נישט אזוי, האט אויך למוד התורה א מאס, אזוי ווי ר' תנחום בר חינלאי האט געזאגט: לעולם ישלש אדם שנותיו שליש במקרא שליש במשנה ושליש בגמרא, פרעגט דארט די גמרא, וכי ידע אנוש כמה חיי, און ענפערט כי קאמרינן ביומי, (ע"ז י"ט קדושין ל.) זעהען מיר דערפון, אז א מענש טיילט איין דעם טאג, א דריטעל מקרא, א דריטעל משנה און א דריטעל גמרא איז ער יוצא למוד התורה, אבער דאס דערציילען פון יציאת מצרים האט נישט קיין מאס, אזוי ווי מיר זאגען, כל „המרבה" לספר הרי זה משובח, ווייסען מיר דאך נישט ווען מיר האבען געענ־דיגט די מצוה פון לספר ביציאת מצרים. דאריבער האט מען דארויף נישט געקענט מתקן זיין א ברכה.

1) דברים ל"ד. 2) מלכים א' ה.

ווערען פול מיט וויסען, כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדלם [1], ווייל אלע מענשען וועלען דערקענען די גאטהייט, פון קליין ביז גרויס. קיין אינטריגעס פון מענש צו מענש און פון פאלק צו פאלק וועט נישט מעהר זיין, לא ישא גוי אל גוי חרב, עס וועט מעהר נישט אויפהויבען קיין פאלק צום אנדערען א שווערד, ולא ילמדו עוד מלחמה, און ס'וועט מעהר נישט לערנען קיין מלחמה, [2] מיר פאר־שטעהען גאנ'ץ גוט. אז ווען די וועלט וועט בעפרייעט ווערען פון מלחמות און מיליטאריזם וועלכעס פארצעהרט די בעסטע פארמעגענס און לעבענס פון טויזענדער און הונדערטער טויזענדער מענשען, ווי גליקליך די מענשהייט וועט זיך דאמעלס פילען, ווי אזוי די מענשהייט וועט דאמעלס פריי אב אטעמען. אויב מיר גלויבען, און מיר מוזען גלויבען, אין די ווערטער פון אונזערע נביאים, אז דער גייסט פון דער מענשהייט וועט ענדליך גערייטערט ווערען און ס'וועלען פארשווינדען אלע שלעכטינקייטען, אלע עולות, אלע רציחות און אלע אונרעכטען פון דער וועלט, די מענשהייט וועט דערגרייכען דעם הויכסטען גראד פון יושר און פון צדק, דאמעלס וועט אונז מעהר נישט קשה זיין אויף די שאפונג פונ'ם מענש, ווייל די גאנצע כונה פונ'ם באשעפער איז דער מענש פון די צוקונפט, ווען עס וועט מעהר קיין שלעכטע מענשען נישט זיין די מענשהייט וועט באשטעהען פון בלויזע צדיקים, דאמעלס וועלען קיין יסורים און קיין אומגליקען אויך נישט זיין אויף דער וועלט, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען, אור שברא הקב"ה ביום ראשון, די ליכט וואס גאט האט באשאפען דעם ערשטען טאג אדם צופה בו מסוף העולם עד סופו, האט א מענש געקענט קוקען מיט איהר פון איין עק וועלט צום צווייטען, כיון שנסתכל הקב"ה בדור המבול ובדור הפלגה, ווען השי"ת האט אבער דערזעהען אז עס וועלען זיין שלעכטע מענשען ווי אין דור המבול און דור הפלגה, עמד וגנזו לצדיקים לעתוד לבא [3], האט גאט בעהאלטען די דאזיגע ליכט פאר די צדיקים פון דער צוקונפט, אין דיזען מאמר האבען אונזערע חכמים בעהאלטען דעם גאנצען סוד פון דער בא־שאפונג פונ'ם מענש, גאט האט בעשאפען די וועלט פול מיט פערגניגעס, זעהער א שעהנע און זעהר א גוטע וועלט, א וועלט אהן יסורים און אהן אומגליקען, דאס הייסט, אור שברא הקב"ה ביום ראשון אדם צופה בו מסוף העולם ועד סופו, זענען אבער געקומען אזעלכע מענשען ווי אין דור המבול און אין דור הפלגה און האבען מיט זייערע שלעכטע מעשים געבראכט אומגליקען אויף זיך, האט דער באשעפער בעהאלטען די גוטע און לעכטיגע וועלט וועגען דער צוקונפט, דאס הייסט אז כל זמן די מענשען זענען זינדיג איז די וועלט פול מיט צרות און ליידען, אין דער צוקונפט אבער, לעתוד לבא, ווען דער גייסט פונ'ם מענש וועט גערייטערט ווערען און די מענשהייט וועט זיין נור מיט יושר און צדק, דאמעלס וועט די וועלט

---

1) ישעי' י. 2) דארט 3) חגיגה י"ב.

ווידער זיין ליכטיג און נוט, אהן צרות, אהן ליידען, איצט פארשטעהען מיר שוין אז דער גאנצער תכלית פון די מענשהייט דער גאנצער תכלית פון בריאת האדם איז די מענשהייט פון דער צוקונפט, וועלכע וועלען לעבען א זיסען שטילען לעבען און וועלען געניסען פון אלע פערגניגענס פון דער וועלט, אזוי ווי אדם הראשון בעפאר ער האט געזינדיגט.

דאמעלס וועלען אויך פערווירקליכט און פאראייביגט ווערען די אלע נסים פון יציאת מצרים, אזוי ווי דער נביא זאגט, כימי צאתך מארץ מצרים ארא נו נפלאות [1] אזוי ווי אין די צייטען פון יציאת מצרים, וועל איך בעווייזען וואונדער, טראָץ מיר זענען איצט אין גלות האָפען מיר אָבער, אז די אלע וואונדער פון יציאת מצרים וועלען אין דער צוקונפט בענייעט ווערען, מיר גלויבען אין די רייד פון אונזערע נביאים, אז מיר וועלען נישט אומקומען אין גלות, מי ווידערהאלען און דערציילען שטענדיג די נסים פון יציאת מצרים, כדי צו באפעסטיגען דעם גלויבען אין אונזערע הערצער, אז די אלע וואונדער, וועלען צוריק בענייעט ווערען און דאמעלס וועט שוין נישט זיין קיין צייטווייליגע גאולה, ווייל, דורך דעם יושר און צדק וואָס די מענשהייט וועט דערגרייכען, וועט שוין מהער קיין אומגליקען נישט זיין אויף דער וועלט.

און דאמעלס וועט אויך אויף אייביג פערווירקליכט ווערען די דערמאָנטע הבטחה פון השי"ת, זאת הארץ אשר נשבעתי לאברהם ליצחק וליעקב לאמור לזרעך אתננה, אידען וועלען זיך צוריק באזעצען אין לאנד פון זייערע אבות, און וועלען שוין פון דאָרט נישט מעהר פארטריבען ווערען, ווייל נור יושר און צדק וועט שוין דאן עקסיסטירען אויף דער וועלט.

אויך דער בית המקדש וועלכער איז חרוב געוואָרען, וועט ווירער אויפ־געבויעט ווערען, מיט מעהר גלאנץ און פראכט ווי דער, ערשטער און צווייטער בית המקדש, אזוי ווי דער נביא זאגט: גדול יהי' כביד הבית האחרון הזה מן הראשון [2] און עס וועט זיין גרעסער דער כבוד פון לעצטען בית המקדש אלס פונ'ם ערשטען, און די שמחה וואס אידען האבען זיך געפרייט ווען שלמה האָט פארענדינט דעם בוי פון ערשטען בית המקדש, וועט אויפגעפרישט ווערען און דאָס וועט שוין זיין אַ אייביגע שמחה, אזוי ווי דער נביא האָט אונז מבטיח געווען, לא יבא עוד שמשך וירחך לא יאסוף והי' ה' לך לאור עולם [3], און דיין זין וועט נישט מעהר אונטערגעהען און דיין לבנה וועט נישט מעהר פארלירען זיין ליכטיגקייט, ווייל גאָט וועט זיין דיין אייביגע ליכט.

איצט וועט אונז שוין נישט קשה זיין פאר וואס מיר דארפען זיך פרעהען מיט דער תורה, אין פאר וואס שבת בראשית איז ביי אונז א חשובער שבת,

---

1) מיכה ז 2) יחזקאל ל׳ 3) חגי ב.

ווען מיר הויבען אויפ'ס ניי אן די תורה וועלכע פאנגט אן מיט די ערצעהלונג פון בריאת האדם, ווייל ענדליך וועט דאס לעבען זיין גוט, מענשען וועלען גליק־ליך זיין און וועלען מעהר נישט וויסען פון די אלע אומגליקען וואס זיי לײדען איצט, די וועלט וועלכע איז איצט א גיהנום און מענשען מאטערען זיך אין איהר, וועט פערוואנדעלט ווערען אין א גן עדן. אין וועלכער מענשען וועלען זיך גליקליך לע־בען — דאמעלס וועלען מיר פארשטעהען די ווערטער פון דער תורה. וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד, זה החיים׳ מענשען וועלען גליק־ליך לעבען אזוי ווי אדם הראשון האט געלעבט] בעפאר ער האט געזינדיגט, אהן זארג און אהן יסורים, די וועלט וועט זיין א אמת'ער גן עדן און די מענשען מלאכים, אהן קנאה, אהן שנאה, אהן האס אהן פיינדשאפט, אהן אינטריגים און אהן רציחות, אהן עולות און אהן שקרים, און ווען וועלען מיר דאס דערגרייכען ? ווען דער מענשליכער גייסט וועט געלייי־טערט ווערען און עס וועט זיין גאלע יושר און צדק אויף דער וועלט. . .

די אויגען פון יעדען איינציגען מענש דארפען דאריבער געריכטעט זיין נור צו דער צוקונפט, צו דער גליקליכער צוקונפט, ווען עס וועלען דערפילט ווערען די ווערטער פון אונזערע נביאים, איבערהויפט די נביאות פון ישעיה בן אמוץ. און דאמעלס וועט געלעזט ווערען די פראבלעם פון די באשאפונג פונ'ם מענש, און צוזאמען מיט דיזער פראבלעם, וועלען אויך די איבריגע דערמאנטע פראבלעמען געלעזט ווערען. . .

# בראשית.

## ב.

## טעמא! די באשאפונג פון אדם הראשון, אונזערע שילען און בתי מדרשים א מאל און היינט.

אין דער פאָריגע דרשה האב איך ארום גערעדט די פראָבלעמע פון בריאת האדם בכלל, אין דער איצטיגע דרשה וויל איך ארום ריידען די באשאפונג פון אדם הראשון אליין, און ווייל עס קען זיין אז די איצטיגע דרשה זאל אביסל מעהרער דויערען, וויל איך אייך בעטען רבותי איהר זאָלט מיך אויפמערקזאם אויסהערען און איך זאָל נישט ליידען ווי יענער מגיד האָט געליטען:

אַ מגיד איז א מאָל געקומען אין אַ שטעטיל און האָט שבת באַטאָג געזאָגט א דרשה, וועלכע האָט געדויערט, נישט ווענינער פון גאנצע דריי שעה, אויף מאָרגען, זינטאג, האָט איהם באגעגענט אַ איד, א שעהנער בעל הבית פונ'ם שטעטעל, דער איד האָט דעם מגיד אָבגעשטעלט אין גאס און זאָגט צו איהם, רבי, דורך אייער נעכטיגע דרשה האָב איך די נאַכט נישט געקענט אַ אויג צו מאַכען, אזוי! — האָט דער מגיד צופרידען און מיט אַ ביסאלע גאוה געזוגט צום אידען — הייסט עס אַז דער מוסר פון מיין דרשה האָט אויף אייך שטארק גע-ווירקט. חלילה — האָט איהם דער איד געענפערט — אַזוי ווי איהר האָט געכ־טען אָנגעהויבען אייער דרשה, האָט מיך באַפאלען אַ שלאָף און בין אבגעשלאָפען די גאנצע דריי שעה וויפיל אייער דרשה האָט געדויערט און איך האָב אַ טבע אַז איך שלאָף באַטאָג קען איך שוין נישט באַנאכט א אויג צומאכען . . .

איך וויל האָפען רבותי אַז מיין איצטיגע דרשה וועט איך יא אינטערע־סירען און אַפילו איינעם פון אייך נישט אנשלעפען.

דאס וויכטיגסטע פון היינטיגע סדרה איז אהן ספק דער ענין ווי אַזוי גאָט האט באשאָפען דעם ערשטען מענש, אדם הראשון. די תורה דערציילט אונז. ויברא אלקים את האדם בצלמו בצלם אלקים ברא אותו [1] און גאט האט באשאפען אדם'ן אין זיין פארם, אין פארם פון גאט האט ער איהם באַשאפען, מיר שטעלען זיך פאר אַז אדם הראשון זייענדיג יציר כפיו של הקב"ה, די מייסטערשאפט פון גאט אליין איז ער אודאי געוועזן א גערא‎ָטענער מענש, אהן אַ שום פעהלער אזוי

1) בראשית א. כ"ז.

ווי עס פאסט פאר אזא מייסטער ווי השי"ת ארויס צו געבען פון זיינע הענד א
פאלקאמען שטיקעל ארבעט אהן א שום דעפעקט. און אונזערע חכמים שטעלען
טאקע פאר אדם'ן אלס זעהר א הויכע פערזענליכקייט, אדם הראשון — זאגען אונ־
זערע חכמים — מן הארץ עד לרקיע, וי"א מסוף העולם ועד סופו [1]) אדם הראשון
איז געווען פון דער ערד ביז צום הימעל, אנדערע זאגען אוך פון איין עק וועלט ביז
צום צווייטען, מיר פארשטעהען, אז די חז"ל זענען אונז נישט געקומען דערציילען אז
אדם הראשון איז געווען הויך פון דער ערד ביז צום הימעל און ברייט פון איין
עק וועלט צום צווייטען, אונזערע חכמים האבען אונז מיט דיזע ווערטער געוויס געוואלט
זאגען די גרויסע חכמה פון אדם הראשון, אז ער האט געקענט בעגרייפען אלעס
וואס ס'געפונט זיך אין דער גרויסער און ברייטער וועלט, אלעס וואס ס'עקסיסטירט
אויף דער וועלט, פון דער ערד ביז צום הימעל און פון איין עק וועלט צום צווי־
טען, די חכמי המדרש דערציילען אונז אויך פון אדם הראשון'ס גרויסע חכמה, ווען
השי"ת האט געוואלט באשאפען אדם הראשון'ן, האבען די מלאכים אין הימעל
געפרעגט דעם באשעפער, אט די באשעפעניש וואס די ווילסט באשאפען רבונו
של עולם, וואס פאר א סארט בריאה איז דאס, האט זיי השי"ת געענטפערט, חכמתו
מרובה משלכם, זיין חכמה איז גרעסער פון אייערע [2]), אבער נישט נאר פון זיין
גרויסע חכמה ריידען אונזערע חכמים, ווענען זיין גרויס פרומקייט זאגען זיי אויך,
אדם הראשון חסיד גדול היה, [3]) אדם הראשון איז געווען א גרויסער חסיד, פון
דעסטוועגען האט דער קלוגער און פרומער אדם נישט געקענט אויסהאלטען דעם
נסיון, ער האט געפאלגט זיין ווייב און האט פארזיכט פון דעם בוימעלע פון וועל־
כען נאט האט איהם פארבאטען צו עסען, אדם האט זיך פערזינדיגט און האט
באלד זיין שטראפע בעקומען, דער באשעפער האט איהם ארויסגעשליידערט פונ'ם
גן עדן, וואו ער האט זיך גליקליך געלעבט אהן דאגות און אהן זארג, ער
האט געמוזט נעמען דעם וואנדער שטעקען אין האנד וואנלען אין דער גרויסער
און ברייטער וועלט צו געפונען מיט שווערער מיה זיין שטיקעל פרנסה, און די תורה
דערציילט אונז אז השי"ת האט נישט געוואלט לאזען אדם'ן ווייטער אין גן עדן, פן
ישלח ידו ולקח גם מעץ החיים ואכל וחי לעולם [4]) טאמער וועט ער, אדם, אויס־
שטרעקען זיין האנד און וועט נעמען אויך פונ'ם לעבענס בוים און וועט
עסען און ער וועט אייביג לעבען, עס פרעגט זיך דא א פראגע אמת
דער חטא פון אדם'ן איז געווען גרויס, אבער זענען דען די קללות:
ארורה האדמה בעבורך, בעצבון תאכלנה כל ימי חייך, וקוץ ודרדר!
תצמיח לך, בזעת אפיך תאכל לחם [5]) פארשאלטען זאל זיין די ערד

1) חגיגה י"ב. 2) בראשית רבה פ"ח. 3) עירבון י"ח. 4) בראשית ג' כ"ב.
5) דארט ג' י"ז י"ח.

דורך דיר, מיט טרויער און זארג זאלסטו געניסען פון איהר, דערנער און שטע־כענקעס זאל זי שפראצען פון דיינעט וועגען, מיט'ן שווייס פון דיין פנים זאלסטו עסען דאס שטיקעל ברויט, אט די קללות זענען וועניג עונש אויף דעם וואס ער האט פארזיכט פונ'ם ע'ץ הדעת, אז השי"ת האט אים נאך בעדארפט צו געבען דעם טויט? וואס וואלט דען געהארט דעם רבונו של עולם אז ער וואלט געוועז לעבען אייביג

גור הערט רבותי, איך געדענק אין מיינע קינדערישע יאהרען אז אונזערע שילען אין בתי מדרשים, זענען נישט געווען אזוי שטארק געפוצט, אין אונזערע בתי מדרשים איז איבעראל געווען איינפאכע טיש און בענק, פשוטע לייכטער און איינגלייכטער, די ווענט, זענען נישט געווען געמאלען נור איינפאך וויס געקאלעכט דער־פאר זענען אבער געשטאנען פולע שאפעס ספרים, זשיטאמערער, לעמבערגער און ווילנער ש"ס'ען, משניות'ען פון פארשידענע אויסגאבען, עטליכע שטעל ע'ין יעקב'ס און אנדערע פארשידענע חקירה, מוסר און דרוש ספרים, דאס בית המדרש איז געווען פיל מיט אידען, מ'האט שטענדיג געדאווענט און געלערענט, ס'איז געווען פרעהליך מ'האט זיך געריעשט. דאס בית המדרש איז שטענדיג געווען אפען, אין דער פרי און אויף דער נאכט האבען געדאווענט עטליכע מנינים אידען, א גאנצע טאג און באנאכט, האבען בחורים און יונגע לייט אויך עלטערע אידען, געלערענט גאט'ס תורה, געווען א חיות, א פארגניגען אריין צו קומען אין בית המדרש. . .

איצט איז גאנץ אנדערש, אונזערע שילען און בתי מדרשים, זענען, אמת, היינט זעהר שעהן אויסגעפוצט, פילישורט מעביל, שעהנע עלעקטרישע לוקס לאמפען, שעהן געפארבטע ווענט, סאלאן מעסינג, פארנאלדעטע ארון קודש'ען, דערפאר זענען זיי אבער שטענדיג פארשלאסען אין א סך שילען איז וואכען ווייס נישטא קיין מנין, און דארט ווי ס'איז שוין יא דא מנין איז ער א אויסגעמיטשעטער צוליב די פאר יתומים וואס דארפען זאגען קדיש' אדער צוליב א יאהרצייט, און ווען נישט די יתומים און דער יאהרצייט וואלט דארט אויך קיין מנין נישט געווען וואכען און חדשים, אידען האבען בכלל אויפגעהערט צו דאווענען, אונזערע שילען און אונזערע בתי מדרשים זענען געבליבען לעדיג, להבדיל אזוי ווי די קירכען.

דאריבער בעפאר אדם הראשון האט געזינדיגט און האט דערמיט פאראור־זאכט אז אלע מענשען זאלען זיין זינדיג, האט השי"ת נישט מורא געהאט אז מענשען זאלען אייביג לעבען, ווייל זיי וואלטען געווען גוט און פרום אלא בתי מדרשים וואלטען געווען פיל מיט אידען, מ'וואלט געדאווענט און געלערענט, אבער נאך דעם וואס אדם האט געזינדיגט און האט גורם געווען אז אלע מענשען זאלען ווערען שלעכט און זינדיג האט השי"ת שוין נישט געוואלט אז מענשען זאלען לע־בען אייביק, ווייל מ'וועט דאך נישט דארפען זאגען קיין קדיש און אויפשטעלען יאהרצייט וועלען די שילען און בתי מדרשים געוויס בלייבען לעדיג אהן א מנין....

אויב דאס איז נישט מעהר ווי א שעהנער וויץ, רבותי פארשטעהען מיר אבער דערמיט זעהער א אינטערעסאנטען מאמר פון דער גמרא, וועלכער לויטעט אזוי: אמרו ליה לר׳ יוחנן איכא סבא בבבל, מ׳האט געזאגט צו דעם גרויסען תנא ר׳ יוחנן אז ס׳איז דא אלטע לייט אין בבל, תמה רבי יוחנן, האט זיך ר׳ יוחנן געוואנדערט די תורה זאגט דאך, למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה אשר נשבע ה׳ לאבותיכם, כדי ס׳זאלען דערמעהרט ווערען אייערע טעג און די טעג פון אייערע קינדער אויף דער ערד וואס גאט האט געשוואוירען צו אייערע עלטערן איז דאך דערפון געדרינגען אז אריכות ימים, א סך לעבען קען מען נאר אין ארץ ישראל, וואזשע קומט עס וואס אין בבל איז דא אלטע אידען? כיון דקא אמרי ליה דקא מקדמי ומחשכי לבי כנישתא, אמר הני דקא האני ליה, [1] אז מ׳האט איהם אבער געזאגט אז די אידען אין בבל געהען אין דער פריה און אויף דער נאכט אין שיל און אין בית המדרש, האט ער געזאגט, אט דאס העלפט זיי צו אריכות ימים.

דעם דאזיגען מאמר דארפען מיר פארשטעהען, אמת, השכמת בית המדרש שחרית וערבית און תפילה בציבור איז איינע פון די זאכען וואס די משנה רעכענט אויס אז א״ם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קימת לעולם הבא [2] אבער ווי אזוי איז דאס געהען אין דער פריה און אויף דער נאכט דאווענען אין בית המדרש א סגולה צו לאנג לעבען, וואס רבי יוחנן האט געזאגט, אז דערפאר איז דא אלטע אידען אין בבל ווייל זיי גיהען אין דער פריה און אויף דער נאכט אין בית המדרש?

לויט מיר האבען אבער געזאגט פארשטעהען מיר דאס גאנץ גוט, אויב אידען געהען אלע טאג אין דער פריה און פארנאכט אין בית המדרש דאווענען, זענען דאך די בתי מדרשים פול מיט מנינים פעהלט נישט אויס קיין קדישים זיי זאלען קאמפלעקטירען דאס מנין און יעדער איד קען זיך אויסלעבען די יאהרען ביז אין זיין גרויסען אלטער, אז אידען האבען אבער אויפגעהערט צו געהען דאווענען און די בתי מדרשים זענען געבליבען ליידיג און עס איז מאנגעל אין מנין מוז אוועק שטארבען א טאטע אדער א מאמע עס זאלען איבער בלייבען עטליכע יתומים משלים צו זיין דעם מנין דער בית המדרש זאל נישט בלייבען נאר אין גאנצען פוסטע, און אז ס׳האלט שוין דער ביי אז די יתומים דארפען שוין באלד אויפהערען קדיש זאגען און זיי וועלען שוין מן הסתם מעהר נישט קומען אין בית המדרש, מוז דער רבונו של עולם, וועלכער וויל נישט אז דער בית המדרש זאל בלייבען גאר אויף חוזק אהן א מנין, פארזארגען נייע יתומים און עס שטארבט ווידער אוועק, אפילו פאר דער צייט, א טאטע אדער א מאמע פון קינדער ווייל

---

1) ברכות ה. 2) פאה פ״א מ״א.

מ׳מוז דאָך האָבען יתומים זיי זאלען משלים זיין דעם מנין אין בית המדרש, און אַ סך קענען זיך דאריבער נישט אויסלעבען די יאהרען. דאריבער אַז מ׳האָט געזאָגט צו רבי יוחנן אַז די אידען אין בבל געהען דאווענען אלע טאָג. איז דאָך שטענדיג דא מנין אין בית המדרש און מ׳האט זיך נישט גענויטיגט אין .קדיש זאגער״ האט ער ריכטיג געזאָגט אַז דאָס העלפט זיי צו אריכות ימים, ווייל יעדער קען זיך אויס לעבען זיינע יאהרען און נישט איבערלאָזען קיין פריצייטיגע יתומים.

יאָ רבותי עס איז אונז אליין צו באַדוערען אַז בא פיל פון אונזער יונגען דור איז געבליבען דאָס אידישקייט נור אויף קדיש זאגען און יאהרצייט, פיל פון אונזער יוגענד ווייסט נישט פון תפילין לעגען פון קריאת שמע און פון תפלה, ווי ווייטענליך איז דאס צו זעהען ווי אַזוי פיל אידען קומען אין בית המדרש אויסשליסליך נאר קדיש זאגען, וואס פאַר אַ שאנדע איז עס פאַר זיך אליין אַז אידען גלויבען אַז דאָס גאַנצע אידישקייט באַשטעהט טאַקי נור אויף׳ן בלויזען קדיש, אהן טלית ותפילין אהן קריאת שמע ותפילה. אפשר האבען אונזערע חכמים טאקע דאָס דאזיגע געוואלט אַנדייטען מיט זייער מאמר, בשעה שהקב״ה עובר על בתי כנסיות ובתי מדרשות ושומע שהציבור אומר אמן יה׳ שמיה רבא מברך, מנענע בראשו ואומר, אוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם ומה לו לאב שהגלה את בניו, [1] ווען השי״ת געהט דורך די שילען און בתי מדרשים און הערט ווי אידען זאגען אמן יהי׳ שמיה רבא מברך, דאס הייסט אַז דער גאַנצער מנין באַ־שטעהט נור פון אַזעלכע וואס קומען זאגען קדיש און ס׳הערט זיך נור, אמן יהי׳ שמי׳ רבא מברך, שאָקעלט ער מיט׳ן צו קאָפ, און בעדויערט זיך צו זאמען מיט זיינע אידען און זאגט, אַז וועה איז צו מיינע קינדער- וואס זענען פארטריבען געווארען פון זייער פאטער׳ס טיש, און דער גלות האט זיי צוגעבראכט דערצו אַז זייער גאנצע אידישקייט זאל באשטעהען אוין קדיש זאגען, און צו זאמען מיט זיי איז טאַקי אויך וועה דעם פאַטער וואס ער דאַרף אַזעלכעס צוזעהען.

אידען האבען פארגעסען אַז דער בית המדרש אין גלות פארנומט דאס פלאַץ פונ׳ם אמאליגען בית המקדש אין ארץ ישראל, זיי ווילען נישט וויסען אַז דאס דאווענען אין בית המדרש איז אנשטאט די עבודה אין בית המקדש און אַז דער חזן איז אויפ׳ן ארט פונ׳ם אמאליגען כהן גדול, דער בית המקדש איז געווען דער פלאַץ וואו ס׳האבען זיך קאנצענטרירט אלע היילינגשטימער פונ׳ם אידישען פאלק. וואו ס׳האבען זיך פאראייניגט אלע אידישע געדאנקען און אלע אידישע געפיהלען, און זיין פלאַץ האט שפעטער אין גלות פארנומען דער בית הכנסת אין בית המדרש, אזוי ווי דער נביא זאגט, וכי הפיצותים בין הארצות וגו׳ ואהי׳ להם למקדש מעט בארצות אשר באו שמה [2] זאגען אונזערע חכמים דארויף אלו בתי כנסיות

1) ברכות ג. 2) יחזקאל י״א ט״ז.

ובתי מדרשות [1], און אזוי ווי אין בית המדרש א מאל האט מען מקריב נעווע קרבנות, אזוי איז שפעטער נעווארען דאס דאווענען אין בית המדרש, איזה עבודה שהוא בלב הוי אומר זו תפילה [2] דאס דאווענען אין בית המדרש איז אויפ'ן פלאץ פונ'ם קרבן אין בית המקדש, אזוי ווי מיר זאגען טאקע, יה' רצון מלפניך שיה' שיח שפתותינו חשוב ;מקבל ומרוצה לפניך כאלו הקרבנו קרבן התמיד במועדו, מיר בייטען דעם רבונו של עולם אז אונזערע תפלות זאלען ווערען פאר איהם אנגענומען גלייך מיר האבען מקריב נעווען דעם קרבן תמיד אין זיין צייט, אונזערע זיידעס און טאטעס פון פריערינען דור האבען דאס גאנץ גוט נעוואוסט, און זענען נעווען נזהר צו דאווענען אין דער פריה און פארנאכט, זיי האבען זיך ווענינ נערעכנט מיט די אויסערליכע אומשטענדען, און ווי דער איד איז נישט נעווען פארנומען, קוים איז נור נעקומען די צייט פון דאווענען, האט ער נעדאווענט און נעדאווענט ווי עס דארף צו זיין, נישט נעהיפט, נישט מקצר נעווען, דער בית המדרש און דאס דאווענען איז נעווען בא אידען צוויי זאכען אהן וועלכע זיי האבען זיך נישט נעקענט באנעהען און ווי א איך האט זיך נעפונען, אויב ער האט נישט נעקענט נעהען אין בית המדרש צוליב נעוויסע אומשטענדען, אבער דאווענען האט דער איד נעמוזט, די נאטווענדינקייט פון דאווענען בא אידען שפינעלט זיך אב אין דער פאלקס מעשה וואס אידען דערציילען וועגען דעם גרויסען צדיק ר' לוי יצחק ז"צל, איינמאל — דערציילט דאס פאלק—האט ר' לוי יצחק בערדיטשיווער נעזעהן, ווי א בעל ענלה שטעהט און דאווענט בא זיין וואגען און שמירט דערביי דיריידער, א גראבער יונג — האט זיך איינער אנגערופען — באם דאווענען שמירט ער די ריידער, ווי א היילינ פאלק אידען זענען — האט דער צדיק ר' לוי יצחק נעזאגט — אפילו ווען זיי שמירען די ריידער דאווענען זיי אויך.

און דער חזן האט א מאל פארנומען דאס פלאץ פונ'ם כהן גדול, ווען אידען האבען בעטראכט דאס בית המדרש אלס א מקדש מעט, א בית המקדש אין קליינעם פארמאט, און דאס דאווענען אלס עבודת הקרבנות האט נעמוזט דער חזן פארנומען דאס פלאץ פונ'ם כהן גדול, און אידען האבען תמיד נעזוכט א חזן א תלמיד חכם א ירא שמים, א זקן ורגיל ופרקו נאה וזקנו מגודל, עס זאל טאקע אויך זיין וקולו נעים ומעורב בדעת עם הבריות.

דעם ווערט פון אונזערע בתי כנסיות ובתי מדרשות האבען שוין אונזערע אלטע שונאים פארשטאנען און בלעם האט נעוואלט שעלטען די אידען, שלא יה' להם בתי כנסיות ובתי מדרשות [3] די דאזינע קללה האט איהם אבער השי"ת נישט נעלאזט אויסשפרעכען און ער האט נעמוזט זאגען, מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל [4]) אבער וואס בלעם הרשע האט אין זינען נעהאט צו זאגען, האבען לעצ־

---

1) מגילה כ"ט. 2) תענית ב. 3) סנהדרין ק"ה. 4) במדבר כ"ד ה.

טענס אידען אליין דערפולט, אידען האָבען אליין בטל געמאכט, פארניכטעט זייערע בתי כנסיות ובתי מדרשות, דאס הייסט זיי האבען אפילו יא זעהר שעהנע שילען און טעמפלען, אבער וועלכער איד פון אונזערע צייטען פילט דעם חוב צו געהען יעדען טאג דאווענען אין בית המדרש, ווער פון אונז וויל היינט געדענקען די ווערטער פון אונזערע חכמים, כל מי שיש לו בית הכנסת בעירו ואינו הולך להתפלל נקרא שכן רע [1]) ווער ס'האט א בית הכנסת אין זיין שטאט און געהט נישט אין איהם דאווענען הייסט א שלעכטער שכן, דער רוב פון אונזערע היינטיגע אידען, געהען נור „זאָגען קדיש" און אויפשטעלען יאהרצייט, קיין גרעסערען חוב צום בית המדרש פילען זיי נישט, און אזוי שטעהען אין מערערע שטעט די בתי מדרשות אבגעשלאסען וואכען און חדשים און די ספרי תורות אזוי ווי שביות חרב קריגס געפאנגענע און די שעהנע ארון קודש'עס מיט זייערע פארשלאָסענע אייזערנע טירען..

און אונזערע חזנים ? נישטא מעהר דער שליח צבור פון א מאל, דער עמוד איז געווארען הפקר בא אידען, אויס מיט דעם גאנצען שלחן ערוך פון דיני שליח צבור, ווי ערגיץ א לעצטע בריאה, א שמייסער אין באד א שיסטער יונג א עם הארץ א גראבער יונג א בעל עבירה, א אוכל טרפה אויב ער קען נור דאס לידעל, און מיט זיך אהן, להבדיל, ווי א גלח, איז היינט כשר פאר א שליח צבור, און אזעלכע ישיעות בעטען זיי טאקע אויס פאר'ן פאלק מיט זייערע תפלות, די היינטיגע חזנים זענען פונקט אזוי ווי מ'דערציילט פון יענעם חזן, א חזן נישט קיין איבריג פרומער האט א מאל געבענשט .גשמ׳ נאך איידער ער האט געענדיגט די תפלה האט אנגעהויבען צו רעגנען, נאכ'ן דאווענען געהט צו דער חזן צום גבאי און זאגט צו איהם : איהר זעהט ווי מיין תפלה איז אנגענומען געווארען באם רבונו של עולם, נאך בעפאר א'ך האב געענדיגט דעם .גשמ׳ האט ער שוין געשיקט א רעגען, יא, — זאגט דער גבאי — ס'איז קיין הידוש נישט, נאך אין די אלטע צייטען האבען אזעלכע לייט ווי איהר געבראכט אויף דער וועלט נישט נור א רעגען נאר טאקי א גאנצען מבול . . . אונזערע היינטיגע חזנים ברייגגען אויך מיט זייערע תפלות א גאנצען מבול מיט צרות און אומגליקען אויף אונז. . .

שוין צייט אידען זאלען זיך בארענקען און זיך ארום קוקען און זיך אום קע־רען צו זייער מקדש מעט אנהויבען צו דאווענען און צוריק ברייגגען דעם אמאליגען שליח צבור, וועלכער זאל זיין אומשטאנד אויס צו בעטען פאר אונז בעסערע צייטען און טאקי ישיעות ונחמות.

ביז איצט האבען מיר גערעדט פון די אידען וועלכע בעזוכען נישט די שיל און דעם בית המדרש, איך וויל מיך איצט ווענדען צו דעם קליינעם טייל פון אונזערע ברידער וועלכע פילען נאך יא א חוב צו קומע

1) ברכות ח.

אין דער פריה און אויף דער נאכט, שבת און יום טוב דאווענען אין בית המדרש אט צו דעם טייל אידען וויל איך מיך איצט ווענדען, און זיי פרעגען צו היטען זיי די היילינקייט פונ'ם מקום קדוש אזוי ווי עס דארף צו זיין. צו גערענקען זיי אז די שיל און דער בית המדרש איז א מקדש מעט און דאס דאווענען איז אנשטאט עבודת הקרבנות און היטען זיך צו פארשוועכען די היילינקייט פונ'ם מקום קדוש און פונ'ם דאווענען ? צום בעדויערען מוזען מיר זאגען אפען אז טראץ די אלע הזהרות פון אונזערע חכמים און פון אונזערע היילינע ספרים, רעדט מען אין בית המדרש אפילו אין מיטען דאווענען און אפילו בשעת קריאת התורה, דברים בטלים, אונזערע אידען, זאלען געזונד זיין האבען פארלוירען דעם גאנצען רעספעקט און דרך ארץ פאר'ן מקום קדוש, עס איז א שאנדע א חרפה צו זעהען ווי אזוי אפילו גאר איידעלע אידען, זענען פארכאפט געווארען אין דער נעץ פונ'ם יצר הרע צו ריידען אין בית המדרש.

איך וויל נישט מאריך זיין צו ברייננען מאמרים פון חז"ל וועלכע ווייזען אויף ווי גרויס די זינד פון דעם איז, איך וויל נור דא ברייננען א זאך וועלכעס איך בין איבערציינט אז פיל מענשען ווייסען נישט דערפון, האפענטליך אז דאס וועט ווירקען אויף די צוהערער פון מיין דרשה און אויף די וואס וועלען איבערלעזען מיינע ווערטער, צו פערמיידען פון איצט דעם גרויסען חטא פון ריידען דברים בטלים אין בית המדרש און פון מפסיק זיין, אפילו מיט דברי תורה אדער אנדערע וויכטיגע ענינים אין מיטען דאווענען און בשעת קריאת התורה. . .

דער גרויסער גאון און צדיק בעל „תוספות יום טוב" האט פערפאסט א „מי שבירך" פאר די וועלכע היטען זיך צו ריידען א ווארט אין בית המדרש, איבערהויפט אין דער צייט פונ'ם דאווענען און קריאת התורה, דער נוסח פון דעם ראזינגען „מי שבירך" וועלכען איך גיב דא איבער אין זיין עברעאישען ארינינאל מיט אידישע איבערזעצונג, געפונט זיך אין דער גרויסער וועלטס ביבליאטעק פון אקספארד און איז איבערגעדרוקט אין ספר ויעש אברהם (ווילנא תרל"ב)

## נוסח המי שבירך

### עבראישער טעקסט

מי שבירך אבותינו אברהם יצחק ויעקב משה אהרן דוד ושלמה הוא יברך השומר פיו ולשונו מלדבר בבית הכנסת ובפרט מלהפסיק בשום דבור מן ברוך שאמר עד גמר התפילה ובשעת קריאת ספר תורה שבצבור

### אידישע איבערזעצונג

דער גאט וועלכער האט געבענשט אונזערע עלטערען אברהם, יצחק און יעקב, משה אהרן, דוד און שלמה, זאל אויך בענשען דעם וועלכער היט זיין מויל און צונג צו ריידען אין בית המדרש, איבעהויפט מפסיק צו זיין מיט סיי וועלכען דבור פון ברוך שאמר ביז ענדע דאווענען און אין דער

אפילו בדברי תורה איזה דבור כ"ש בשיחות חולין ובספורי שמועות ויחולו עליו כל הברכות הכתובות בתורת משה רבינו ע"ה ובכל ספרי הנבואות, יראה זרע כשר חיים וקיימים ויזכה לשני שלחנות שבשני עולמים, שהם העולם הזה שעליו נאמר והנה טוב והעולם הבא שהוא יום שכלו ארוך וגם טוב אמן.

צייט ווען מ'ליינט אין דער תורה פאר'ן קהל, אפילו מיט ר"יד פון תורה ובפרט מיט דברים בטלים און פוסטע שמועסען, אויף די וואס וועלען דאס מקיים זיין זאלען רהוען אלע ברכות וואס זענען גע־שריבען אין תורת משה רבינו ע"ה און אין די ספרים פון אונזערע נביאים, דער וואס וועט דאס אלעס פאלגען זאל האבען כשר'ע קינדער לעבענדיגע און געזונדע און זאל זוכה זיין צו די צוויי טישען פוןביידע וועלטען, די וועלט אויף וועלכער ס'שטעהט כי טוב און אויף עולם הבא וועלכע איז די אייבינע און אויך די גוטע וועלט אמן.

איך וויל האפען רבותי אז יעדער איד וועלכער וועט איבערליינען דיזען „מי שבירך" וועט אויף זיך נעמען נישט צו ריידען א ווארט פון היינט אן און ווייטער אין בית המדרש, כדי ער זאל זוכה זיין צו די אלע ברכות וואס זענען דארט אויס־גערעכנט אמן.

---

☚ דא איז דער פלאץ אויפמערקזאם צו מאכען פיל פון אונזערע אידען, וועלכע זענען נזהר צו דאווענען בצבור, אויף דעם וואס זיי פארגעסען צו ענפערן אמן ווען דער חזן ענדיגט די ברכה, המחזיר שכנתו לציון, און הויבען באלד אן צו זאגען מודים דרבנן, און ווען דער חזן ענדיגט די ברכה הפורס סוכת שלום עלינו ועל כל ישראל ועל ירושלים — אין א ספר ישן נושן האב איך געפונען א רמז דערצו אין פסוק: ציון במר תבכה וירושלים תתן קולה, דאס זענען די ענדע פון די צוויי ברכות פון ותחזנה, וועלכע ענדיגט זיך מיט לציון. און פון ופרוס, וועלכע ענדיגט זיך מיט ועל ירושלים וואס אידען זענען נישט נזהר צו ענפערען אמן. איך בין איבערצייגט אז פילע אידען, גאנץ איידעלע און פרומע, זענען נישט נזהר אין דיזען אמן און ס'איז א גרויסע מצוה דאס מודיע צו זיין ברבים כדי אידען זאלען נישט נכשל ווערן אין דער גרויסע עברה פון נישט ענפערן אמן נאך א ברכה. . .

# בראשית.

## ג.

## טעמא: קין און הבל. דער כח פון צדקה. אחדות אין אונזער נאציאנאלע באוועגונג.

זעהר אינטערעסאנט איז אויך אין אונזער היינטיגע סדרה די געשיכטע פון די ערשטע צוויי ברידער אויף דער וועלט, קין און הבל. די תורה דערציילט אונז: ויהי מקץ ימים ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה' והבל הביא גם הוא מבכורות צאנו ומחלביהן, וישע ה' אל הבל ואל מנחתו ואל קין ואל מנחתו לא שעה [1]) און ס'איז געווען ענדע צייט, האט קין געבראכט פון דער פרוכט פון דער ערד א געשאנק צו גאט און הבל האט אויך געבראכט פון די ערשטע און די בעסטע פון זיינע שאף א מתנה צום באשעפער און השי"ת האט זיך געקערט צו הבל און צו זיין געשענק, אבער צו קין און צו זיין מתנה האט ער זיך נישט געקערט. אויף וועלכער צייט בעציהען זיך אייגענטליך די ווערטער מקץ ימים, די ענדע פון וועלכער צייט מעהנט דא די תורה? די תורה שרייבט דא אויך נישט ארויס די אורזאכען פאר וואס השי"ת האט זיך געווענדעט צו הבל'ען מיט זיין געשענק און נישט צו קין מיט זיין מנחה, מיר מוזען דאס נוט פארשטעהען און עס וועט אונז פיל נוצען בריינגען בע"ה.

די גמרא דערציילט אונז: שאלו לשלמה בן דוד עד היכן כחה של צדקה? אמר להם צאו וראו מה פירש דוד אבא, פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד [2]) מ'האט געפרעגט שלמה'ן דער זין פון דוד, ביז ווי אהין איז גרויס דער כח פון צדקה? האט ער זיי געזאגט, געהט זעהט וואס מאן טאטע האט מפורש געווען אין זיין ספר תהלים, ווער ס'שפענדעט פאר ארעמע לייט, באשטעהט זיין צדקה אויף אייבינ. דיזער מאמר איז זעהר שווער צו פארשטעהען. שלמה המלך אויף וועמען דער פסוק זאגט ויחכם מכל האדם [3]) שלמה דער קלוגסטער פון אלע מענשען, שלמה אויף וועמען מיר געפונען אין פסוק, וה' נתן חכמה לשלמה [4]) שלמה וועלכער האט מיט זיין חכמה געקענט בעגרייפען אלעס וואס איז פארהאן אין דער וועלט, אזוי ווי מיר געפונען אויף איהם, וידבר על העצים מן הארז אשר בלבנון

---

1) בראשית ד' ג—ה. 2) ב"ב י'. 3) מלכים א. ה'. 4) דארט ה'.

עד האזב אשר יצא בקיר [1]), שלמה וועמען דער פסוק לויבט ותרב חכמת שלמה מחכמת כל בני קדם ומכל חכמת מצרים [2]), שלמה אויף וועמען דער פסוק זאגט עדות ויבאו מכל העמים לשמע את חכמת שלמה מאת כל מלכי ארץ אשר שמעו את חכמתו [3]), אט דער קלוגער שלמה האט נישט געקענט ענטפערן אויף אזא איינפאכע פראגע, עד היכן כחה של צדקה ? און האט בעדארפט אן ווייזען א פסוק אין זיין טאטען דוד'ס תהלים'על, פזר נתן לאביונים וגו', און פאר וואס האט ער נישט אנגעוויזען אויף אזוי פיל פסוקים אין תורת משה וועלכע רעדען פון דער וויכטיגקייט פון מצות צדקה ?

דער ענין דערפון איז אבער אזוי, ווען מיר זעהען א עושר געבען צדקה, ווערן מיר דערפון נישט אזוי שטארק נתפעל, ווייל באם עושר שפילט נישט אזא גרויסע ראל די סומע וואס ער שפענדעט אויף צדקה, מיר זעהען איהם פארצעה־רען געלד אויף אנדערע זאכען וועלכע זענען פיל ווייניגער וויכטיג אלס צדקה, און ווען דער עושר גיט אפילו די גרעסטע צדקה טיט ער זיך נישט אן קיין כח, ווייל לויט זיין פארמעגען וואלט ער געקענט געבען פיל מערער, ווען מיר זעהען אבער א ארעמאן וועלכער ארבעט שווער אויף זיין טעגליכען עקסיסטענץ און יענער איז מקיים די ווערטער פונ'ם נביא הלא פרוס לרעב לחמך [4]) ער טיילט זיך מיט'ן אריםאן מיט זיין ביסען, אט פון אזא סארט צדקה ווערן מיר נתפעל, ווייל יענער שטרענגט זיך איין און טוט זיך אן א כח מיט דעם וואס ער שפארט אב פון זיין מויל ווענן דעם נויטבעדערפטיגען.

דערמיט פארשטעהען מיר וואס די תורה זאגט, כי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו [5]), דארויף זאגט דער מדרש הה"ד אשרי משכיל אל ד' ביום רעה ימלטהו ה' [6]) אונזערע חכמי המדרש איז קשה געווען די איבריגע ווערטער איןביידע פסוקים, ווענן וואס זאגט די תורה א דאפעלטען לשון, כי ימוך אחיך, אין נאך א מאל, ומטה ידו עמך ? דאס זעלבע איז אויך קשה אין צווייטען פסוק די איבריגע ווערטער, ביום רעה, ווען האט דען דער אריםאן א גוטען טאג ? אזוי ווי בן סירא זאגט, כל ימי ע"י רעים [7]), און ווען דער פסוק זאגט, אשרי משכיל אל דל, איז שוין די ווערטער ביום רעה איבריג. דאריבער האבען זיך אונזערע חכמי המדרש איינגעשטרענגט צו געפונען א כונה וועלכע פארענטפערט די דאזיגע פראגע בא ביידע פסוקים און האבען צוליב דעם צונעשטעלט נעבען פסוק כי ימוך אחיך וגו' דעם פסוק אשרי משכיל אל דל וגו'.

די תורה האט געוואלט אנזאגען דעם אידען אז נישט נאר ווען ער אליין נויט... ווען ער איז א עושר, זאל ער העלפען זיין... עס געהט איהם גוט, ווען ער איז א עושר, זאל ער העלפען זיין

1) מלכים א' ה'. 2) דארט. 3) דארט. 4) ישעי' י"ח. 5) במדבר כ"ה ל"ה.
6) רבה פ' בהר. 7) ב"ב קמ"ו.

בויטבעדערפטינען ברודער, נור אפילו ווען א־הם אליין נעהט אויך נישט אם בעס־טען, זיינע נעשעפטען נעהען איהם אויך שלעכט, פון דעסטוועגען זאל ער זיך נישט אב זאגען פון צו העלפען זיין ברידער אין א נויט, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען המלוה לעני בשעת „דחקו" [1] דאס הייסט דער וואס לייעט דעם ארומאן געלד ווען איהם „אליין" איז ענג — ווייל דעם ארימאן איז דאך ששטענדיג ענג — עליו הכתוב אומר, אז תקרא וה' יענך [2] און דאס האט די תורה געמענט מיט'ן פסוק וואס מיר האבן דערמאנט, כי ימיך אחיך, אז דיין ברודער וועט פאראימט ווערן, ומטה ידו „עמך", און וועט זייט פאראעמט מיט דיר צו זאמען, דאס הייסט אז דיר וועט אויך שלעכט נעהען, פון דעסטוועגן, והחזקת בו, וויפיל עס וועט דיר מיגליך זיין זאלסטו איהם אונטערשטיצען.

דארויף האבן די חכמי המדרש נעבראכט דעם פסוק אשרי משכיל אל דל זגו' ווייל אין דעם דאזינן פסוק איז אויך אנגעוויזען דער זעלבער געדאנק — אשרי משכיל אל דל „ביום רעה", וואויל איז דעם וואס זוכט צו העלפען דעם ארימאן ווען ער „אליין" האט אויך א שלעכטען טאג, ימלטהו ה', נישט אזוי וויר מיר טרעפען צו מאל נארישע מענשען, אז מ'קומט צו איהם ווענן א דבר צדקה און ער האט גיראד דאמעלס א שלעכטן טאג, ווי אזוי ס'טרעפט זיך בא א מענ־שען, ווערט ער בייז און שרייעט זיך אויס, סטייטש איהר זעהט נישט מיין אומ־גליק מיין צרה און איהר קומט נאך מיר דילען מיין קאפ מיט צדקה זאכען, אין דער נארישער מענש פארשטעהט נישט, אדער ער וויל נישט פארשטעהן אז ארדבה, ווייל ער האט א שלעכטען טאג, ווייל ער איז אין א צרה, אין א אומ־גליק, דארף ער ערשט געבען צדקה, ווייל דער זכות פון צדקה איז אזוי גרויס אז ער קען דורכדעם ניצל ווערן פון זיין צרה, פון זיין אומגליק.

יא, רבות', די דבותא איז נישט אז א עושר גיט צדקה, ווייל דער עושר דארף זיך צו דעם קיין א־ברינגען כח אנטאן, דער עיקר איז אז א ארימאן גיט צדקה, ווייל ער שטרענגט זיך איין מיט זיין נתינה, אזוי ווי מ'דערציילט אז אין א ערב יום כפור פאר נאכט ווען דער גאנצער עולם איז שוין געשטאנען אנגע־טאן אין טלתים און דער ראזדווילער מגיד איז געשטאנען פאר'ן עמוד און האט בי'ן דארפט אנהויבען צו זאגען כל נדרי, איז געווארן שפעט און דער מגיד האט נישט אנגעהויבן, עס איז געווארן נאך שפעטער און דער מגיד שווייגט, עס איז שוין געווארן גאר שפעט און דער עולם איז ארויס פון געדולד, פלוצים האט זיך דער מגיד אומגעקערט מיט'ן פנים צום עולם און האט געזאגט מיט א הויך קול, רבותי, איך קען נישט אנהויבן זאגן כל נדרי ביז איך וועל נישט וויסען וויפעל דער גראף פון אונזער שטעטעל ראזדוויל האט געגעבען פאר דעם יאנד הונד וואס ער האט

---

1) יבמות ס"ג. 2) ישעי' י"ח.

דעם זומער נעקויפט אין פאריז, רבי — האט זיך אנגערופען א אידעל פון א עק פינ'ם קלויז — איך בין דעם פריצ'ים מעקלער און איך ווייס וויפיל ער האט גע־נעבען פאר'ן הונד, וויפיל? — האט דער מגיד שטארק איינגעשטרענגט נעפרעגט — זאג שנעלער וויפיל? צוואנציג טויזענד פראנצוידישע פראנק — האט דער אידעל אויסגערופען — זאג נאך אמאל העכער — האט דער מגיד ווידערהאלט — צוואנציג טויזענד פראצויזישע פראנק — האט דער איד אויסגעשריגען מיט א הויך קול אזוי ווי דער מגיד האט איהם געהייסען, דאן האט זיך דער מגיד אומגעקערט מיט'ן פנים צום עמוד און האט אנגעהויבען צו זאגן כל נדרי, דער גאנצער עולם האט דאס נישט געקענט פארשטעהען, וואו קומט עס אז דער מגיד זאל וועלן וויסען פאר כל נדרי וויפיל דער גראף האט געגעבען פאר זיין הונד? וואס איז דאס נוגע דעם מגיד און נאך פאר כל נדרי? אבער קיינער האט נישט געוואגט צו פרעגען גאנץ יום כפור דעם הייליגן מגיד דארויף, ערשט מוצאי יום כפור נאך קדוש לבנה, האט דער מגיד געזאגט צים עולם, הערט רבותי, הערט הייליגע אידען, בא אונז אין שטעטעל איז דא א ארימער איד וואס געהט אין די הייזער, דעם עשרת ימי תשובה איז דער איד געגאנגען ארוים פון דער שטאט פלוצים איז אנגעפאהרען אונזער גראף רייטענדיג אויף זיין פערד און אזוי ווי ער האט דער־זעהען דעם ארימען שוואכען איד, האט ער בעקומען רחמנות אויף איהם און האט איהם א ווארף געטאן א הונדערט רובילדינגן פיזיט און איז אוועק, אזוי ווי דער ארימאן האט זיך אנגעבוינגען און האט דערזעהן א גאנצען הונדערטער איז ער שטארק איבעררעשט געווארן ווייל, ווען אין זיין לעבן האט ער זוכה געווען צו האבן אפילו א פינפערעל, און איז אריין אין שטעטיל מיט א נעפילדער, זעהט נור אידען, איך געה שוין בא אייך אין שטעטיל ארום צוואנציג יאהר אין די הייזער און האב נישט זוכה געווען צו זעהען פאר מיינע אויגען אפילו א פינפירל און א גוי האט מיר געגעבן א הונדערטער, און אזוי האט דער ארימאן אנגעהייבען צו קריטיקירען אויף אידען אז זיי געבען נישט קיין צדקה, נור גוים געבן צדקה, היינט ערב יום כפור אין דער פריה, ווען אידן ווינשען זיך אין די בתי מדרשים נאכ'ן דאווגען א חתימה טובה, איז דער ארימאן ארום געלאפן אין אלע בתי מדרשים מיט איין טענה צו אידען פאר וואס קומט אייך א חתימה טובה? אז איהר גיט נישט קיין צדקה, נור די גוים געבן צדקה, און ווידערהאלט זיין טענה, איך בין שוין בא אייך אין שטעטל צוואנציג יאהר א מחזיר על הפתחים און האב נאך נישט זוכה געווען צו האבן א פינפירל און א גוי האט מיר געגעבן א גאנצען הונדערטער.

ווען איך האב מיך אנידער געשטעלט פאר'ן עמוד זאגן כל נדרי — האט דער מגיד ווייטער געזאגט — איז געקומען דער שטן און האט נישט געוואלט

אדורך לאזן די אידישע תפלות, מיט דער טענה פון דעם אר׳מאן, אירען געבן נישט קיין צדקה, נוים נעבן צדקה, א סימן אז האט דער גראף ראזדוויל געגעבן א גאנצען הונדערטער דעם ארימאן, איך האב געזעהן אז ס׳איז שלעכט ר״ל. האב איך מיך א קער געטאן צום מלאך מיכאל, דער מליץ טוב פון אירען און האב איהם געבעטן, ער זאל מיר דא ארויס העלפען, באלד האט מיר דער מלאך מיכאל געזאגט, גיב נאר א פרעג, וויפיל האט דער פריץ געגעבן פאר זיין יאגד-הונד וואס ער האט דעם זומער געקויפט אין פאריז, איך האב איהם געפאלגט און אז דער אידעל האט א זאג געטאן אז דער גראף האט פאר דעם הונד געגעבן צוואנציג טויזענד רובעל, האט דער מלאך מיכאל א שפרינג געטאן און געזאגט, בא א אזעלכען וואס גיט א וועק צוואנציג טויזענד פראנק פאר א הונד שפילט א ראל א הונדערטער, איין פרוטה וואס א ארימער איד שפארט אב פון זיין מויל און גיט אוועק אויף צדקה, וועגט איבער א הונדערטער פון אזעלכען וואס גיט אוועק צוואנציג טויזענדער פאר א הונד, דערהערענדיג די דאזיגע טענה איז דער שטן פארשווינדען געווארן און איך האב אנגעהובן צו זאגן כל נדרי . . .

איצט פארשטעהען מיר שוין פאר וואס דער קלוגער שלמה האט נישט געענטפערט אויף דער פראגע, עד היכן כחה של צדקה און האט אב געשיקט צ׳ יין טאטענס תהלים׳ל צום פסוק, פזר נתן לאביונים וגו׳.

מיר ווייסען אז אין די צייטען פון דוד המלך איז דאס פאלק געווען זעהר ארעם דורך די פיל מלחמות וואס דוד האט געפירט מיט די פלשתים, דאגעגן איז אין די צייטען פון שלמה׳ן וועלכער האט נישט געפירט קיין מלחמות, אזוי ווי דער פסוק זאגט, ושלום היה לו מכל עבריו מסביב, וישב יהודה וישראל לבטח איש תחת גפנו ותחת תאנתו מדן ועד באר שבע כל ימי שלמה [1] דאס פאלק איז דאמעלס געווען שטארק רייך, דאריבער ווען מ׳איז געקומען צו שלמה׳ן און מ׳האט איהם געפרעגט, עד היכן כחה של צרקה, ווי ווייט דארף זיך א מענש אנטאן כח צו געבן צדקה, האט ער דארויף נישט געקענט ענטפערן, ווייל אין זיין צייט איז יעדער געווען רייך און ווען איינער האט געגעבן צדקה האט ער זיך נישט געדארפט אן טאן קיין כח, ווייל עס האט דאמעלס בא קיינעם נישט געשפילט קיין ראל געלד, דאריבער האט ער זיי געענפערט, אויב איהר ווילט וויסן אויף וויפיל מ׳דארף זיך אנטאן א כח ווענן צדקה זאלט איהר זעהן וואס מיין טאטע האט געזאגט, אין זיין צייט איז געווען דאס פאלק ארעם און אויף זיי האט ער געזאגט, פזר נתן לאביונים, ווען זיי אליין זענען אביונים און פון דעסטוועגן געבן זיי צדקה — דאמעלס טוען זיי זיך אן א כח איז דאריבער וצדקתו עומדת לעד . . .

---

1) מלכים א׳ ה׳.

און אט דער ועלבער חלוק איז געוועו צווישען קין און הבל, קיין האט געווארט מיט זיין מתנה ביז זיינע תבואות און זיינע פרוכטען זענען פארטיג געווארן, ווען זיינע מאנאזאנגען זענען שוין געוועו פול מיט ברויט און זיינע קעלטערס פול מיט וויין, ערשט דאמעלס האט ער זיך דערמאנט צו ברייננען א מתנה צו השי"ת, אזוי ווי דער פסוק זאגט, ויהי מקץ ימים ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה׳, דאס הייסט צו ע׳דע ווען אלע תבואות און אלע פירות זענען שוין לאנג געוועו פארטיג, פינקט פארקערט ווי אין דער תורה שטעהט ולקחת מראשית כל פרי האדמה וגו׳ ועתה הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה אשר נתתה לי ה׳ [1]) הבל האט אבער נישט אזוי געטאן ער האט געבראכט מבכורות צאנו ומחלביהן, באלד אין אנהויב פון זיינע ערשט געבוירענע שאף האט ער שוין געבראכט א מנחה צו גאט, אט דערפאר, וישע ה׳ אל הבל ואל מנחתו ואל קין ואל מנחתו לא שעה.

היינט, רבותי, האבן מיר אויך קין׳ס און הבל׳ס, וויפיל איז פאראהן צווישן אונז אזעלכע וואס ערשט נאך דעם וואס ער אליין איז נוט אנגעפרעסען אז ס׳רינט איהם שוין איבען מויל, דערמאנט ער זיך אין זיין ארימען ברודער איהם מחיה צו זיין, אט אזעלכע לייטע האבען אין זיך די נשמה פון קין, פונקט אזוי ווי קין האט פארגאסן דאס בלוט פון זיין ברודער הבל, אזוי זענען אזעלכע ענאיסטישע לייטע שופכי דמים דערמיט וואס זיי זענען גורם אז זייערע ארימע ברידער זאלען אויסגעהען פאר הונגער און קעלט.

יא רבותי, בא אונז אידען הייסט נישט א רוצח, א גזלן, א שופך דם נור דער וועלכער שטעקט אריין דעם צווייטען א מעסער און הארצען. בא אידען הייסט אויך אזעלכער א רוצח וועלכער קוקט נישט און זארגט נישט פאר די ארעמע וועלכע לאזען זיך אויס פון נויט און עלענד.

ווען אידען זענען געוועזן א פאלק אין זייער לאנד, דערציילט אונז די תורה, אויב מ׳האט געפונען א טויטען אויס׳ן וועג, האבען בעדארפט די זקנים פון דער נאהענסטער שטאט ארויסגעהען ברייננען א ענלה ערופה און זאגען ידינו לא שפכה את הדם הזה [2]) אונזערע הענד האבען נישט פארגאסען דאס דאזיגע בלוט פרעגען דארויף אונזערע חכמים, וכי סלקא דעתך שזקני ישראל היו שופכי דמים. וועט עס קומען עמיצען אויפ׳ן געדאנקען אז די אידישע זקנים זענען בלוט פארגיסער, וואס זיי דארפען זאגען ידינו לא שפכה את הדם הזה? אלא שלא פטרונוהו בלא אכילה ובלא לויה [3]) נור, דאס האבען די זקני ישראל געמיינט מיט זייערע ווערטער, ידינו לא שפכו את הדם הזה, דער מענש איז נישט פארגעקומען פאר אונז און מיר זאלען איהם אוועק לאזען אהן עסען און אהן בע־

1) דברים כ״ו. 2) דארט כ״א ז׳. 3) סוטה ל״ח.

גלייטונג, אז מיר זאלען געווען האבן גורם געווען זיין טויט, דערפון זעהט זיך קלאר ארויס אז אזעלכע וואס זארגען נישט פאר זייערע ארימע ברידער און לא־ען זיי אויסגעהען פון הונגער און קעלט, דיזע זענען אזוי ווי קין הורגי נפש, בלוט פארגיסער, שופכי דמים, אבער זעהר ווייניג איז פארהאן איצט אזעלכע וואס טוהען אזוי ווי הבל, אז זייווארטען נישט, אזוי ווי קין, אויף מקץ ימים, נור באלד, אין אנהויב האבן זיי אינזינען זייערע ארימע ברידער — אט די דאזיגע האבן די נשמה פון הבל, אויף ווענען די תורה זאגט, וישע ה' אל הבל ואל מנחתו, אזעלכע געפונען זיך אבער ליידער זעהר ווייניג צווישען אונז אין אונזערע צייטען.

רבותי, איך הער עפיס א קול דארט פון מע"ב זייט ווי א איד זאגט זיך דארט אין דער שטיל, ער וואגט נישט צו ריידען הויך, ס'געפעהלט מיר זעהר דער סגיר, נור עס וואונדערט מיך וואס אין זיין גאנצע רעדע דערמאנט ער נישט פון אונזער נאציאנאלע באוועגונג, פון אונזער ווידער נאציאנאלע אויפלעבונג אין לאנד פון אונזערע אבות, איך מוז דעם אידען צוליב טאן, ער איז גערעכט, מען דארף דערמאנען ציון און ירושלים מ'מוז מקיים זיין די שבועה וואס אונזערע על־טערן האבן געשוואוירן בא די טייכען פון בבל, אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי [1]) נור אונזער שמועס מוז זיין פארבינדען מיט א מדרש אויפ'ן פסוק ותטב לה' משור פר מקרין מפרים [2]) יום שנברא בו אדם הראשון עמד והקריב שור שקרניו קודמות לפרסותיו [3]). אין דעם טאג וואס אדם הראשון איז געבוירען האט ער מקריב געווען א אקס וואס זיינע הערנער האבען איהם אויסגעוואקסען פאר זיינע קלויען. אין דיזען מאמר שפיגעלט זיך אב דער גאנג פון אונזער גאנצע נאציאנאלע פאליטיק אין די איצטיגע מאמענטען.

אמת, דאס קען קיינער נישט לייקענען, אפילו פרעמדע פעלקער זענען אין דעם אויך מודה, אז דאס אידישע פאלק בכלל איז איצט מקריב זעהר א גרויסען קרבן אויפ'ן מזבח פון אונזער נאציאנאלע אויפלעבונג, אידען געבען געלד, פארעל־טענטיעסינג מערער לויט זייערע כחות. ווענען ישוב ארץ ישראל, קרן היסוד און קרן קימת האבען זיך נישט צו באקלאגען אויפ'ן אידישען פאלק, און אפילו קרן הישוב און קרן התורה בלייבען אויך אין א געוויסער מאס נישט פארשעהמט אידן זענען בכלל א פאלק וואס אז מ'מאנט זיי געבען זיי, אזוי ווי אונזערע חכמים דריי־קען זיך אויס אין אתה יודע אופיה של אומה זו נתבעין למשכן ונותנים, נתבעים לעגל ונותנים [4]), די ווייסט נישט דעם נאטור פון דיזען פאלק, מאנט מען זיי ווענען א משכן געבען זיי, מאנט מען זיי, אפילו ווענן א עגל געבען זיי אויך, נישטא נאך אזא פאלק וואס זאל זיין אזוי פעהיג צום געבן ווי אידן, די חלוצים פון זייער זייט זענען זיך אויך ממש מוסר נפש פאר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל,

1) תהלים קל"ז י"ז. 2) דארט ס"ט. 3) חולין ס. 4) ירושלמי שקלים ב.

אַזוי זעהען מיר אז דאס אידישע פאָלק ברענגט אַ גרויסן קרבן אויפ'ן מזבח פון אונזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג, דער חסרון איז אָבער, וואָס דער קרבן איז אַזעלכער וואס זיינע הערנער זענען פאר זיינע קלויען, מיר זעהען אַ אקס ווערט געבוירן מיט ויינע קלויען, ערשט שפעטער ווען זיינע קלויען זענען שוין גוט פאַר אַרטיוועט דאַמעלס הויבן איהם אַן צו וואקסען די הערנער, פאר וואָס איז דאַס אַזוי? ווייל די קלויען באם אָקס זענען ווענען צו באפעסטינען זיינע פוס ער זאל קענען פעסט שטעהען און די ערנער זענען ווענען צו שיצען זיך מיט זיי פאר'ן שונא, האָט דער אויבערשטער אַזוי באַשאַפען דעם אָקס אַז ערשט נאָך דעם וואָס ער קען פעסט שטעהען אויף זיינע פיס זאלן איהם אויס וואקסען זיינע ערנער מיט וועלכע ער דארף מלחמה האַלטען נעגען זיין פיינד, ווייל ווען ער זאל פריהר האבן די ערנער בעפאָר ער קען נאָך רעכט שטעהען אויף זיינע פיס, וואלטען איהם די ערנער גאר נישט געהאָלפען ווי שטארק זיי זאלן נישט זיין, מיט אונזער פאָלקס קרבן איז אָבער פונקט פארקעהרט, נאָך אידער זיינע טרעט זענען באַפעסטינט געוואָרן מיט שטאַרקע און געזונדע קלויען, האבן איהם שוין אויסגעוואַקסען ערנער מיט וועלכע איין פאַרטיי שטעכט די צווייטע, מיר האבן אין אונזער פאָלקסבאַוועגונג פאַרשידענע פארטייען, אַלגעמיינע ציוניסטען, מזרחים, פועלי ציון, רעוויזיאָניסטען, גראָסמאניסטען, אַגדות'טען א. א. ווי.

און איין פאַרטיי שטעכט מיט איהרע ערנער די צווייטע, און פונקט אַזוי ווי דער קרבן ואס אדם הראשון האָט געבראַכט אין דעם טאָג וואָס ער איז געבוירן איז געווען קרניו קודמות לפרסותיו, און האָט דאַריבער קיין גוטען רעזולטאַט געהאַט, אַזוי איז דער פאָלקס קרבן וואָס דאָס אידישע פאָלק ברענגט אויפ'ן מזבח פון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אויך קרניו קודמות לפרסותיו, נאָך בעפאָר דאס פאָלק קען רעכט טרעטען אויף זיינע פיס, בעפאָר עס זענען באַפעסטינט זיינע טריט אויף זיין נאַציאָנאַלען הײַנט, האבן איהם שוין אויסגעוואַקסען ערנער צו שטעכען מיט זיי זיינע געגנער אין דער זעלבער באַוועגונג.

אמת, יעדעס פאָלק האָט פאַרשידענע פאַרטייען, מיר זעהען אין אַלע ציוויליזירטע לענדער נעגענזייטיגע פאַרטייען, וועלכע פירען צווישן זיך מלחמות, ווען איין פארטיי איז בא דער רעגירונג זענען די אנדערע פאַרטייען אין דער אָפּאָזיציע און קריטיקירען יענע וואס שטעהען בא דער מאַכט, דאַס איז אָבער גערעדט בא אַ פאָלק וואס לעבט אויף זיין באָדען און איז אָרגאַניזירט אין אַלע בעציהונגען וואָס אַ פאָלק האָט נויטיג, אָבער בא אונז אידען וואָס סוף כל סוף זענען מיר נאָך אין גלות און אפילו אין ארץ ישראל זענען מיר ערשט אונטער אַ מאַנדאַטען מאַכט, פאר אונז אידען וואס אונזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז נאָך יונג אין איהרע ערשטע וויקאָלעך, זענען די צאנקערייען און קריגערייען צווישען אונזערע פארשי־

דענע פארטייען שעדליך און שטערן דעם נאנצען „אינטערעס פון אונזער ווידער נאציאָנאלע אויפלעבונג.

ווען מיר ווילען באמת דעם פראגרעס פון אונזער נאציאָנאלע אויפלעבונג, טאר צווישען אונזערע פארטייען נישט עקסיסטירען קיין קריגערייען עס מוז הערשען א פאלקאמענער שלום א פאלקאמענע איינינקייט און נאר אזוי וועלן מיר דערגרייכען אונזער ציל, ווען עס וועט זיין שלום על ישראל.

# לקוטים ממבחר הדרוש.

## על כל הפסוקים ומאמרי חז"ל והענינים הנזכרים בהדרשות הקודמות *)

# בראשית.

## לדרוש א.

א) תורת ה' תמימה משיבת נפש (תהלים י"ט). יש אנשים שהם יהודים רק למחצה, זהורים הם בהמצות שבין אדם למקום, מתפללים הרבה, אומרים תהלים, נושאים עיניהם למרום ומתחסדים, אבל מן המצות שבין אדם לחברו הם רחוקים מאד. להושע לאדם בעת צרתו, לתמוך עני ורש, מכל אלה אינם יודעים, אלה הם יהודים רק למחצה, כמו כן, יש אנשים שהם נזהרים בהמצות שבן אדם לחברו, נכונים הם בכל עת לדאג בעד עניים, להושיט יד עזרה לאמללים ומדוכאים, אבל רחוקים הם מן המצות שבין אדם למקום, אינם מניחים תפילין, אינם שומרים שבת ואינם נזהרים ממאכלות אסורות וכדומה, גם אלה הם יהודים רק למחצה, כי אלה כמו אלה שומרים רק חצי התורה ולא כולה. לכן אמר המשורר, תורת ה' צריכה להיות תמימה ושלמה, לא לקרוע אותה לגזרים, שזה יקיים מקצתה וזה יקיים מקצתה, כי רק אז, כשהיא תמימה, היא משיבת נפש. [1])

ב) בגמ"א (עירבון י"ג) ת"ר שתי שנים ומחצה נחלקו ב"ש וב"ה, הללו אומרים נח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא, והללו אומרים נח לו לאדם שנברא יותר משלא נברא. נמנו וגמרו נח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא. קשה במאמר זה, למה נחלקו דוקא שתי שנים ומחצה, לא פחות ולא יותר, האם מחלוקתם זו תלוי בזמן? ועוד, בכל הש"ס כשנחלקו ב"ש וב"ה מבואר דעת ב"ש ודעת ב"ה, ופה אמרו סתם. הללו אמרים והללו אומרים ואין אנו יודעים מי האומר כן ומי האומר כן. אכן להבין מאמר זה נחוץ להקדים דבריהם ז"ל (ברכות י"ז) ר' אלכסנדרי בתר דמצלי אמר הכי: רבון העולמים, גלוי וידוע לפניך שרצוננו לעשות

---

*) בהלקוטים האלה יש דברים רבים שחדשתי אני בעצמי בע"ה ומצוינים בהאותיות ד"ע, ר"ת דברי עצמי. וגם הדברים שהבאתי בשם אמרם תקנתי והוספתי הרבה הן בתכנם הן בהלשון.
המחבר.

1) ד"ע. ועיין דרוש ראשון לפרשה נח.

רצונך, ומי מעכב, שאור שבעיסה (היצה"ר) ושעבוד מלכיות (קשוי הגלות), ממה שמזכיר ר" אלכסנדרי שני דברים, שאור שבעיסה ושעבוד מלכיות, נראה, כי הטענה של שאור שבעיסה לבד אינה מספקת על מה שאין אנו עושים רצוש"מ, דהרי זה כל יחוסו של אדם שיש לו יצה"ר, והוא בעל בחירה, ובטענה זו נצחו את המלאכים כשרצו הם לקבל את דתורה, כלום יצה"ר יש בכם, ולכן צירף ר"א הטעם השני להתנצלותו שאין אנו עושים רש"מ והוא שעבוד מלכות. והנה כשישראל שרוים על אדמתם ואין להם שעבוד מלכיות בודאי היו יכולים לעשות רש"מ, כי לא הי' להם שום מונע, ואז בודאי נח לו לאדם שנברא יותר משלא נברא כמ"ש, יפה שעה אחת בעולם הזה מכל חיי עולם הבא, כי פה בעוה"ז יכול אדם לסגל מצות ומע"ט ויש קונה עולמו בשעה אחת ורק אחר שגלינו מא־צינו והתחלנו לסבול קושי הגלות ועול הגוים על צוארינו ולא היינו יכולים לעשות רש"מ מאז בודאי נח לו לאדם שלא נברא, וידוע שכאשר מלך בן כזובא היו גם רבים מחכמינו ז"ל שהאמינו בו שהוא מלך המשיח, ומי לנו גדול מר" עקיבא שהי' נושא כליו. אבל רבים מחז"ל לא האמינו בו. והנה מבואר בגמרא שבן כזובא מלך שתי שנים ומחצה, ובזמן הזה הי' רבים מתלמידי ב"ש ומתלמידי ב"ה שהאמינו בו והחליטו שכבר הגיעה העת המאושרה והשלכנו מעלינו עול רומא הקשה, אבל רבים מתלמידי ב"ש ומתלמידי ב"ה לא האמינו בו. ועתה ע"ז סבב מחלקותם, כי הם התוכחו על ענין בן כזובא, אם הוא באמת מלך המשיח אם לא אולם מפני שטוכה כזה לא הי' יכול אז להיות בגלוי, ברור ומפורש, לכן כסו מחלקותם במעטה המשל והמליצה שרק מביני מדע ידעו אל מה ירמזון מליהם, כי לאלה שהאמינו בו וחשבוהו למשיח ה', הנה כבר פסקה שעבוד מלכיות ואין שום מונע לעשות רש"מ ולדעתם נח לו לאדם שנברא, אבל אלה שלא האמיני בו לדעתם עדין לא פסקה שעבוד מלכיות וא"א לעשות רש"מ ונח לו לאדם שלא נברא, אבל אחר שתי שנים ומחצה שנודע לכול מפלת בר כזובא והכל ידעו שאיננו משיח ה' ויש עוד שעבוד מלכיות. נמנו וגמרו שנח לו לאדם שלא נברא. [2]

ג) בגמרא (סנהדרין ל"א) אמר ר"י אמר רב, בשעה שבקש הקב"ה לברא את האדם, ברא כת אחת של מלאכי השרת, אמר להם רצונכם נעשה אדם בצלמנו, אמרו לפניו רבוש"ע מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו, הושיט אצבעו ביניהם ושרפם, וכן כת שניה וכו' רבים מקשים על המליצה של הושיט אצבעו ביניהם, איך יוצדק זה כלפי מעלה?

ונראה עפ"י דאיתא במדרש (שיר רבה פ"ח) בשעה שרצה הקב"ה ליתן התורה לישראל, אמרו מלאכי השרת, רבוש"ע תנה הודך על השמים א"ל הקב"ה מה כתוב בה וכו' ר' יודן אמר משל לאחד שהי' לו בן נידם בלי אצבעות, הוליכו

(2 ע"פי הר"ר עזרא אלטשילער בהסבר שלי.

אצל אומן שעושה מלאכת מחט, ללמדו אומנות התחיל מסתכל בידיו אמר כל עצמה של מלאכה זו אינה נקנית אלא באצבעות איך ילמוד זה מלאכה זו, והנמשל מבואר, כי המלאכים שאינם יכולים לקיים המצות המעשיות, הם כאלו אין להם אצבעות ולכך לא נתנה להם התורה, וכן גם כאן בבריאת האדם כשאמרו המלאכים להקב"ה מה אנוש כי תזכרנו, הושיט אצבעו ביניהם רמז להם בזה, כי אדם זה שיברא יוכל לקיים מצות התורה בפועל כפים, מה שא"כ המלאכים שהם בבחינת אותו הבן נידם בלי אצבעות שאינו יכול ללמוד אומנת מחט, ובטענה זו, שרפם, ר"ל נצחם ונסתתמו טענותיהם. [3]

ד) דוגמא לזה מצינו, בירושלמי (ברכות פ"א ה"א) אמר רבי מונא בר אנדריי בשם ר' שמואל בר סוטר המלאכים אין להם קפיצין (ר"ל חוליות ברגליהם) וכן בכמה מקומות במדרש רבה ובשוחר טוב ובפרקי דר"א, מלאכי השרת אין להם קפיצה, והכונה, כי המלאכים אינם יכולים לקפוץ ממדרגה למדרגה כמו האדם שהבחירה בידו להתהפך כחומר חותם, כי הם, המלאכים הם תמיד במדרגה אחת ולא ישתנו מטוב לרע ומרע לטוב כמו האדם, שרשע גמור יוכל בפ"א להיות צדיק גמור כנודע. [4]

ה) ובדברינו פה מענין האצבעות ראוי להביא פה ענין נכבד מאד בענין זה, דאיתא בספר פענח רזא בשם המדרש, דעד שלא נולד נח לא הי' להם הילוק אצבעות עד שנולד נח, וזהו, זה ינחמנו ממעשינו ומ"עצבון" ידינו, והענין פלא אכן לפי האמור יובן, כי משחטא אדם הראשון קלקלו כל בני אדם מעשיהם ולא קיימו רצון הבורא עד שנולד נח שעליו תעיד התורה שהיה איש צדיק תמים, נמצא שכל ב"א עד נח כאלו לא הי' להם אצבעות שהוא משל על בלתי קיום מצות ה' בפועל כפים, כהמשל על המלאכים שאינם יכולים לקיים מצות התורה מאותו בן נידם בלי אצבעות שאינו יכול ללמוד אומנת מחט, אבל נח שהי' איש צדיק יוצדק עליו לאמור שיש לו הילוק אצבעות, כי יוכל לקיים המצות בפועל. [5]

ו) או אפשר לומר טעם ב"י עפ"י מה שכתב רבינו בחיי פ' צו עה"פ ונתן על בהן ידו וגו'. דכל אחד מהאצבעות משרת לחוש אחד מה' הושים שבאדם אצבע הראשון הוא הבהן, לקינוה הפה שבו חוש הטעם, השני בו ינקה האדם את הנחורים שבו חוש הריח, השלישי לחוש המשוש לפיכך הוא ארוך מכולן, הרביעי לקינוה האוזן, החמישי האצבע הקטנה לקינוה העין.

והקב"ה שברא לאדם ה' חושים נתן לו ה' משרתים. ואנו ראוים דכל א' מן האצבעות הולך מעצמו לחוש שלו תמיד שלא בכונה ע"כ, ואפשר לפי שאדם וחוה פגמו בה' חושים הנ"ל כמ"ש ותרא האשה זה חוש הראות, וע"י ששמעה לדברי נחש פגמה בחוש השמע, ותקח מפריה, פגמה בחוש המשוש, ובאכילה פגמה בחוש הטעם והריח לכך בטל מהם ה' החמשה משרתים ונדבקו האצבעות

3) קהלת יצחק. 4) ה"ע. 5) ד"ע.

וכיון שבא נח תיקן בצדקתו כל החמשה תושים וחזר להם תילוק האצבעות. 6)

ז) במדרש (רבה בראשית פ״א) א״ר סימון בשעה שבא הקב״ה לברא את האדם, נעשו מלאכי השרת כתות כתות וכו׳ חסד אמר יברא שהוא גומל חסדים אמת אמר אל יברא שכולו שקרים, צדק אמר יברא שהוא עושה צדקות, שלום אמר אל יברא דכולה קטטה. חכמינו ז״ל השכילו באגדתם זו לחדור לתוך נפש האדם בכל הדורות ובכל הזמנים. מיסות אדם הראשון ועד היום הזה, האדם הוא, לדעתם, כולו מלא צדקות וגמילת חסדים מצד אחד וכולו שקרים וקטטות מצד שני . . . ואולוסטרציה יפה להאגדה הנפלאה הזו תוכל לשמש המלחמה העולמית האחרונה, ראינו מצד אחד שפיכת דמים נוראה שכמוה לא נהיתה עוד מעולם, דם אדם נשפך כמים, ומצד השני נתרבו „האחיות הרחמניות" ותמלא האר״ץ אותם, מצד אחד נתרבו השודדים באופן מבהיל מאד ומצד השני נתרבו בעלי צדקות ובעלי חסד. אבל כמובן, שגם בהשקפה שטחית אנו רואים כי הא בהא תליא יען שיש שפיכת דמים כל כך, לכן באות „האחיות הרחמניות" של „הצלב האדם" וכדומה, ויען ששודדים וחומסים כ״כ מחד גיסא, צרוכים אנו לבעלי צדקות ובעלי חסד מאידך גיסא, ולא עוד אלא שיש הרבה אנשים שמקיימים את שני הדברים הללו בבת אחת. ביד אחת המה שודדים וחומסים ככל אשר יש לאל ידם ובידם השניה המה מחלקים נדבות בחסר גדול׳ ביד אחת המה נותנים „פת לאורחים וצדקה לעניים" ובידם השני הם „מפקיעי שערים" ולא רק יחידים מתנהגים ככה, אך גם מדינות שלימות מחזיקים בשטה זו, המדינות הללו אינם לוקחות בעצמן חלק במלחמה, אבל הן מכינות כל הכלי משחית שבעולם בעד שני הצדדים הלוחמים יחד וכל המיליארדים של שני הצדדים נופלים לידן, ובעבור זה הן שולחות מזמן לזמן איזה פרוטות להקל את ענים של קרבנות המלחמה . . .

ובכן מלאכי האמת והשלום לא דברו חלילה כזב, בטענתם על האדם שכולו שקר וקטטה למרות האמת והצדקות שיש בהם 7)

ח) ועפי״ז נוכל להבין כונת דבריהם ז״ל שאמרו (נדה ל׳) שמשביעין את האדם קודם בואו לעולם הזה, תהי צדיק ואל תהי רשע, דלכאורה הוא כפל לשון, דאחר שאמר תהי צדיק ממילא מובן שלא יה׳ רשע דאיך יתכן באדם אחד להיות צדיק ורשע? אבל לפי האמור ניחא, כי עינינו הרואות כעת בני אדם שהם צדיקים ורשעים כאחד, מצד אחד הם רשעים, גוזלים וחומסים גונבים ושמים בכליהם ומצד שני הם צדיקים נותנים צדקה ועושים חסד, וכשאנו הולכים לבתי חולים ובתי מחסה לזקנים, בתי תלמוד תורה ובתי חסד אנו רואים על אבני שיש שמות אנשים כאלה חרותים באותיות מוזהבות על צדקותיהם, שבשוק החיים אנו מכירים אותם לרמאים וחומסים

6) הגאון ר׳ ברכיה ברך ז״ל בעל זרע ברך. 7) הרה״ג משה אבינדור עמיאל.

אוהבי בצע מעשקות עושים עושר ולא במשפט, אנשים כאלה הם צדיקים נותנים מהונם לדברים שבצדקה ובשוק החיים אנו מכירים אותם לרשעים ורמאים, כ״ז הבינו חז״ל, וע״כ אמרו שבשעת צאת האדם לאויר העולם משביעים אותו, תהי צדיק ואל תהי רשע, ר״ל שלא תהי צדיק ורשע כאחד, רק גם בבית גם בחוץ גם בבית התפילה ובבית החסד גם בשוק החיים במסחרך ועסקיך תהי צדיק. [8])

ט) אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים, לא יהי׳ לך אלהים אחרים (שמות כ׳) יש לקשר שתי הדברות הללו עפ״י שפירש״י ז״ל בשם המכילתא על הכתוב עתה ידעתי כי גדול ה׳ מכל האלהים מלמד שהיה מכיר (יתרו) בכל הע״ז, שלא הניח ע״ז שלא עבדה, ומעתה אולי יאמר אדם, גם אני אעשה כן. אעבוד תחילה את כל האלילים וכשלא אמצא בהם קורת רוח אעבוד אח״כ את ה׳. לכן אמר השי״ת, אנכי ה׳ אלקיך, אבל לא יהיה לך אלהים אחרים תחילה ואח״כ תבא להאמין בי. [9])

י) וראוי להביא פה דבר נחמד מאד על הכתוב, אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלהים (ישעי׳ מ״ד) כי הנה קשה אם אמר אני ראשון ואני אחרון, המלים ומבלעדי אין אלהים אם כמיותרים, וי״ל עפ״י דאיתא ברשב״א בתשובותיו ששאלו פלוסוף אחד על מה דכתיב בבית שני, גדול יהי׳ כבוד הבית האחרון מן הראשון, אם הכתוב בעצמו קרא את הבית השני אחרון איך אנו מקוים על בנין בית שלישי ? והשיב דמלת אחרון אינו משמע אחרון בהחלט, רק בערך הראשון והביא ע״ז ראיה מן הכתוב, דכתוב, אם לא יאמינו לקול האות הראשון ויאמינו לקול האחרון והיה אם לא יאמינו גם לשני האותות האלה ולקחת ממימי היאור וגו׳ הרי דקרא הכתוב לאות השני אחרון אף שהיה אחריו אות שלישי מכאן מוכרח שאחרון הוא רק בערך הראשון אבל לא אחרון בהחלט, ולפי״ז אם יאמר הכתוב אני ראשון ואני אחרון מוכרח לומר, ומבלעדי אין אלהים. להראות כי פה המובן אחרון הוא בהחלט גמור. [10])

יא) וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד. ובמדרש (פרשה צ:) טוב זה החיים, מאד זה המות, כונה עמוקה טמנו רז״ל בדרשתם זאת כי הנה ראינו שכל מה שברא הקב״ה בעולמו, הכל ברא בעד האדם שיהנה מהם אבל בתנאי שלא יפריז על המדה, כי אם אדם יאכל המאכלים היותר טובים, או ישתה המשקים היותר טובים יותר מן המדה הדרושה, אז נכון הוא לתחלואים רבים שהמות כרוך בעקבם וע״כ אמר שלמה, דבש מצאת אכול דיך. וכן בכל ההנאות הרבות שאם יפריז על מדתם כרוך המות, וזה שאמרו טוב זה החיים כל הדברים הנמצאים

8) ד״ע. 9) ד״ע. 10) הר״ר יהודא אשר אנשיל מילער מפעטראושען.

בעולם שהאדם יהנה מהם הם טובים, אבל כל זה אם יהנה מהם לפי המדה הדרושה, אבל „מאד" אם יפריז על המדה ויתיר לעצמו להנות מהם יותר כפי הדרוש זה המות, כי כל דבר שהוא יותר מן המדה ויתכן לאמור עליו מלת „מאד" הוא מות ומכשלה. [11])

יב.) במדרש. טוב זה החיים מאד זה המות, אפשר שחכמינו ז"ל באו לנו לגלות שלא נלך בדרכי אלה הרוצים לכזב בהשארת הנפש, ואומרים שאין אחר המיתה כלום, כי אנחנו מאמינים שעיקר השכר הצפון לאדם בעד מעשיו הטובים הוא בעוה"ב, וזה טוב החיים, אבל מאד זה המות, כי שם בעולם שאחר המית הוא עיקר השכר וההנאה בעד התורה והמצוה שאדם מקיים בעוה"ז. [12])

יג) לבד ראה זה מצאתי אשר עשה האלקים את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים (קהלת ז') חשבונות כאלה עשה גם שלמה המלך ונכשל בהם כי הוא אמר למה אמרה תורה ולא ירבה לו נשים כדי שלא יסור לבבו אני ארבה ולא אסור, ולבסוף נשיו הטו את לבבו וכן אמר רבי ישמעאל בן אלישע אני אקרא ולא אטה, ולבסוף קרא והטה וכתב על פנקסו אני ישמעאל בן אלישע קריתי והטיתי נר בשבת לכשיבנה ביה המקדש אביא חטאת שמנה (שבת י"ב) וכן עשו רבים חשבונות כאלה ונכשלו. [13])

יג ) יש הבל אשר נעשה על הארץ אשר יש צדיקים אשר מגיע אליהם כמעשה הרשעים ויש רשעים שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים. אמרתי שגם זה הבל (קהלת ח') הנה עוד יש תשובה אל טובות הרשעים בעו"הז והוא למען האכילם שכר מצותיהם וילכו נקיים מהם, וכמאמר הכתוב, בפרוח רשעים וגו' להשמדם עדי עד, והוא דבר תורה, ומשלם לשונאיו על פניו להאבידו, היפך יסורי הצדיקים שהוא למרק אשמותם ויצאו נקיים מעונותיהם. אך גם זה אינו שוה אל תירוץ זה. כי הלא אלו כל הצדיקים היו בעלי יסורים וכל הרשעים ישבעון טוב, אמרתי אין זה כי אם חפץ ה' להאכיל לרשעים זכיותיהם בעוה"ז ולמרוק אשמות הצדיקים ועל כן לצדיק רע לו פה וייטיב לרשעים, אך מה שאני דואג, הוא כי בכל כת יש ב' הדברים, כי יש צדיקים שמגיע אליהם טובה כמעשה הרשעים ולא כולם כי אם יש שהוא מקצתם וכן יש רשעים שמגיע אליהם רעה כמעשה הצדיקים אך לא כולם כאומר יש ולפי הדרך האמור הי' ראוי טוב לכל רשע ויסורים לכל צדיק, ע"כ אמרתי, כי גם זה, גם תשובתם זו אינה מעלה את התירוץ של צדיק ורע לו רשע וטוב לו. [14])

יד ) ובגמרא (ברות ז') צדיק וטוב לו צדיק גמור, צדיק ורע לו צדיק שאינו גמור, רשע וטוב לו רשע שאינו גמור רשע ורע לו רשע גמור. הקושיא במאמר זה מפורסמת, א"כ גורל צדיק גמור הוא כגורל הרשע שאינו גמור וגורל

11) עפ"י המגיד מדובנה זצ"ל. 12) ר"ע. 13) ר"ע. 14) אלשיך.

הצדיק שאינו גמור, הוא כגורל הרשע גמור. לכן יש לבאר המאמר הנ"ל באופן אחר עפ"י דברי ר"ת בכונת הכתוב ביום טובה היה בטוב (קהלת ז') שזה אין חדוש כ"כ אם איש עני הוא טוב לה' עיקר החדוש הוא כשאדם יש לו טוב ואינו הס־לו ועומד בצדקו וזה ביום טובה היה טוב.

ולפי"ז יהי' כונת המאמר הנזכר כך, צדיק וטוב לו צדיק גמור פי' אם כשטוב לו הוא ג"כ צדיק, זה צדיק גמור אבל צדיק ורע לו, אם בעת שרע לו הוא צדיק, יוכל היות אם הי' עשיר לא הי' צדיק, וכן רשע וטוב לו רשע שאינו גמור, כי יוכל היות שעשרו הביאו להיות רשע כמ"ש וישמן ישרון ויבעט, ואין ארי נוהם מתוך קופה של שהוא, אבל רשע ורע לו פי' אעפ"י תבן עני ועכ"ז הוא רשע זה הוא רשע גמור. 15)

טו) גדול יהי' כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון (חגי ב') אמת כי הפסוק הזה נאמר על הבית השני, ומזה נמשך טענת הפלוסוף המובאה בתשובת הרשב"א שאם הבית השני קורא הנביא האחרון איך נקוה על בנין בית השלישי וכאשר הבאנו לעיל תשובת הרשב"א ע"ז מאות הדם שבא אחר האות האחרון, ומפרשים בזה את הכתוב, והי' לכם הדם לאות על הבתים. אכן ראה זה פלא שמצאתי בכתבי האר"י ז"ל שהכתוב הנ"ל אמנם מוסב גם על הבית השלישי שיה' באמת האחרון כי לא יחרב עוד ואחריו לא יהי' בית אחר, ואף כי לא נבין דברי קדשו של האר"י אלה, איך רמוז בפסוק זה הבית השלישי, אבל אין משיבין את האר"י כדאי הוא לסמוך עליו אף שאין אנו מבינים את כונתו. 16)

---

15) מצאתי. 16) ר"ע.

# בראשית·

## לדרוש ב.

א) ויברא אלקים את האדם בצלמו בצלם אלקים ברא אותו (בראשית א׳ כ״ז) על הכתוב, ויצר אלקים את האדם עפר מן האדמה ויפח באפיו נשמת חיים ויהי האדם לנפש חיה כתב הראב״ע, בדורות. אלו יש הבדל בין לידת אדם ובין לידת בע״ח כי כל בעל חי מיד בהולדו הוא עומד על רגליו והולך ורץ ואוכל ושותה, אבל האדם בהולדו אינו יכול לעמוד לאכול ולשתות, אמנם אדם הראשון באותו יום שנברא התחיל לילך לאכול ולשתות כמו כל בע״ח וזה וייצר וגו׳ ותו״מי ויהי האדם לנפש חיה נעשה ונגמר עם כל כחותיו וחושיו, ועפ״ז נוכל להבין ג״כ כונת הכתב הנ״ל ויברא אלקים את האדם בצלמו וגו׳ כי תיכף בהבראו הי׳ מושלם בכל כחותיו, וזה בצלם אלקים ברא אותו ובזה נבין מה שאמרו המקובלים כי .בצלם אלקים״ נימ׳ ר״מה שנברא ברמ״ח אברים דמות עליון והבן. [1])

ב) ארורה האדמה בעבורך בעצבון תאכלנה כל ימי חייך וקוץ ודרדר תצמיח לך בזיעת אפיך תאכל לחם. (בראשית ג׳) ידוע שקודם החטא הי׳ דאדם וכל הבריאה כלו רק טוב, כי כמו שהאדם נטיתו היתה לטובה ולולי הי׳ צריך להשתמש באיזה מדה רעה הי׳ צריך להתגבר על טבעו, כן היתה הבריאה כלה, האדמה מפאת טבעה הוציאה חטים ושעורים ולולי הי׳ נחוץ קוץ ודרדר הי׳ צריך לזרוע ולחרוש עד שתוציא צמח כזה, אבל אחר שחטא והאדם נהפך להיות נטיתו לרע, כמ״ש כי יצר לב האדם רע מנעוריו, ועל מדה טובה צריך להתגבר על טבעו שהוא לרע, נתקללה האדמה ג״כ ע״י שמטבעה תוציא קוצים וברקנים ושתגדל חטים ודגן צריכים לעמול, כמ״ש (ברכות נ״ח) כמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא פת לאכול, חרש וזרע ונקש וכו. וז״ש התורה, ולאדם אמר כי אכלת מן העץ אשר צויתיך לבלתי אכול ממנו, הנה נהפכת שתחת שנטיתך היתה לטובה עתה נטיתך לרע ועל מדה טובה צריך את לעמול, ארורה האדמה בעבורך, שגם היא נהפכה להיות נטיתה וטבעה לרע, באופן שמצד טבעה קוץ ודרדר תצמיח לך, וכשאתה צריך שתוציא

1) ר״ע.

לך לחם תתעמל כמה יגיעות עד שבזיעת אפיך תאכל לחם. ולכן לעתוד לבא בעת שרוה האדם יתטהר ויגיע להיותו כמו שהי׳ קודם החטא ומלאה הארץ דעה ויהי׳ שוב נטיתו של האדם לטוב גם הטבע כלה תתהפך באופן שהארץ מטבעה תוציא גלוסקאות וכלי מילת (שבת ל׳.) והוא משל על נטיתה הטובה של הטבע שמצר נטיתה לטוב תשפיע לאדם כל טוב בלי עמל ויגיעה... [2])

ג) אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעו״הז והקרן קיימת לעו״הב ובו׳ השכמת בית המדרש שחרית וערבית והכנסת אורחים, (פאה פ״א) יש למצא בזה רמז נאה שמי שיש לו אורח יזדרז בתפילת שחרית וערבית פן האורח הוא רעב. [3])

ד) בגמרא (סנהדרין ק״ה) א״ר יוחנן, מברכותיו של אותו רשע אתה יודע מה הי׳ בלבו, ביקש לומר, שלא תשרה שכינה עליהם, אמר, ומשכנותיך ישראל, ביקש לומר, שלא תהא מלכותם נמשכת, אמר כנחלים נטיו, ביקש לומר, לא יהי׳, להם זיתים וכרמים, אמר, כגנות עלי נהר וכו׳ אמר ר׳ אבא ב״ר כהנא, וכולם חזרו לקללה חוץ מבתי כנסיות ובתי מדרשות, שנאמר, ויהפך ה׳ אלקים את הקללה לברכה, קללה ולא קללות ע״כ, וסבת הדבר שרק הקללה שלא יהא להם בתי כנסיות ובתי מדרשות נתהפכה להם לברכה והשאר כולן חזרו לקללה, אפשר לבאר באופן פשוט כי אעפ״י שדברים שבלב, לא הוי דברים, והנה בנוגע לברכות וקללות להדברים שבלב משפט הבכורה על הדברים שבשפה, והנה כמובן, כשבקש לומר, „שלא תהי׳ מלכותם נמשכת״ או „שלא יהי׳ להם זתים וכרמים״ היתה בזה מחשבה הבאה מתוך הלב, כי הלא הי׳ שונא ישראל באמת, וכשלא יהי׳ להם כל אלה יחדלו להתקיים, אבל מה שבקש לומר, שלא יהי׳ להם בתי כנסיות ובתי מדרשות הנה רק הרהור קל בלא מחשבות הלב כ״כ, כי מה איכפת להם לשונאי ישראל אם גוברין יהודאין אלה יבלו כל ימיהם בב״כ ובב״מ. והשי״ת היודע מחשבות אדם הבדיל בין מחשבה למחשבה הזרו לקללה רק אלה שבאו מתוך קירות הלב. אבל המשכנותך ישראל נתקיימה באמת כי גם בלעם במסתרי הלב שלו לא היה כ״כ מתנגד לזה. [4])

ד) אכן אם ברכת בלעם הרשע, משכנותיך ישראל, לא חזרה לקללה במובן האמור, נתקיימה קללות בלעם הרשע מה שהי׳ בלבו שלא יהי׳ להם בתי כנסיות ובתי מדרשות במובן אחר לגמרי בימינו. אמנם יש לנו בתי כנסיות ובתי מדרשות עתה ועוד במספר מרובה מאד, כי בכל עיר ועיר יש בתי תפלה יתר הרבה כפי הדרוש. קטנים וגדולים, למשל בעיר יאסי יש בלי ע״ה יותר ממאה ועשרים בתי תפלה, בעיר באטושאן יש שמונים בתי כנסיות, וכן ביתר העירות שב״י נחתים שמה, אבל מה תועלת כי הרוב מהם סגורים על מסגר שבועות וירחים, ובכן

2) ע״פי הגאון מהר״י מליסא זצ״ל. 3) הרה״ק ר׳ שמ״אל מקאמינקי ז״צל.
4) הרה״ג ר׳ מ. א. עמיאל.

נתקיים בנו גם ברכת בלעם גם קללתו, ברכת בלעם שאמר משכנותיך ישראל ואמנם יש לנו בתי תפלה במספר מרובה, וגם קללתו מה שהי׳ בלבו שלא יהי׳ לנו בתי כנסיות ובי״מ נתקיימה — כי הרוב מהם עומדים סגורים כל השנה והם כאלו לא היו . . . [5])

ה) וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו וגו׳ מה טובו אהלך יעקב (במדבר כ״ד) ובגמרא (כ״ב ס׳) מה ראה? ראה שאין פתחי אהליהם מכונים זה לזה, אמר ראוין הללו שתשרה עליהן שכינה. כידוע הי׳ כל מטרת של אותו רשע למצא בישראל עון כזה שכל האומה נכשלים בו, כדי שעי״ תוכל קללתו לחול על כללית האומה, אבל לא מצא עון כזה כי במה שנכשל אחד נזהר השני וא״א למצא עון כזה שכל האומה נכשלת בו, וזה מליצת דבריהם, ראה שאין פתחי אהליהם מכוונים זל״ז, כי החטא מכונה פתח כמ״ש, לפתח חטאת רובץ, וכשלא מצא עון כזה שכל האומה תהי׳ נכשלת בו הודה ואמר שראוים הללו שתשרה עליהם שכינה. [6])

---

5) ד״ע. 6) הגאון ר׳ יוסף מסלוצק זצ״ל.

# בראשית.

## לדרוש ג.

א) ויהי מקץ ימים ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה' והבל הביא גם הוא מבכורות צאנו ומחלביהן וישע ה' אל הבל ואל מנחתו ואל קין ואל מנחתו לא שעה (בראשית א') ידוע מאמרם ז"ל (פסחים ד') שזריזין מקדימין למצות וידוע ג"כ שמחויב בהדור מצוה, ונחלקו הפוסקים, דאם יש לאדם לקיים איזה מצוה בהשכמה ואם ימתין יקיימה בהדור יותר. אם יקיים בעצמו. מצוה שבא לידך אל תחמיצנה (ע' מכות י') ויקיימה בזריזות או ימתין למען אשר יוכל לקיימה בהדור יותר וע (יבמות ל"ט) בסוגיא דביאת קטן והליצת גדול. עכ"פ נשמע שבקיום המצוה יש שתי בחינות; זריזות והדור, והנה אצל קין לא היו שניהם, לא זריזות ולא הדור, כמ"ש מקץ ימים, שהמתין על קץ הימים ולא קיים זריזין מקדימין למצות, ולא הדור כמ"ש, ויבא קין מפרי האדמה, מזרעיני פשתן ולא בחר מפרי העץ הטובים לעומת זה מצינו אצל הבל שניהם יחד, זריזות והדור כמ"ש, והבל הביא גם הוא, מבכורות צאנו, מן הראשונות, וגם מחלביהן, זה הדור מצוה, לכן וישע ה' אל הבל ואל מנחתו וגו'.)[1]

ב) ויהי הבל רועה צאן וקין היה עובד אדמה, צריך להבין דאצל אומנת הבל אמר ויהי לשון צרה, ואצל קין אמר, היה עובד אדמה, לשון שמחה והוה לומר אצל קין, ויהי מקץ ויבא קין, עוד הפעם לשון וי, הלא דבר הוא, ואפשר להבין הענין עפ"י מ"ש ז"ל (ברכות ל"ה) בא וראה מה בין דורות הראשונים לדורות האחרונים, דורות הראשונים עשו תורתן קבע ומלאכתן ארעי זה וזה נתקיים בידן, אבל דורות האחרונים וכו' ובזה היתה מעלת הבל יתירה על קין, דהבל מלאכתו היתה ארעי לפי ההכרח ולא שמח באמנתו שרוא היי שעה לבד, אדרבה, ויהי הבל רעה צאן מתוך הכרח וצער עסק במלאכתו, אבל בעבודת שמים עבד בשמחה והעד שהביא מבכורות צאנו ומחלביהן, אבל אצל קין היה ההיפך, דקין היה עובד אדמה, בשמחה עסק במלאכתו ועשאה עיקר, אבל כשבא להביא מנחה

1) הרה"ג ר' יצחק ליב קאדושאן.

לה׳ לא עבר בשמחה. רק ויהי מקץ ימים ויבא מנחה לה׳ מתוך צער ולא עוד אלא שהביא ממין הגרוע זרע פשתן . . .[2])

ג) וא״ר אבהו שאלו את שלמה בן דוד עד היכן כחה של צדקה אמר להם צאו וראו מה פירש דוד אבא (תהלים קי״ב) פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד (ב״ב י׳) וכבר עמדו רבים במאמר זה, דמה זו שאלה משלמה דוקא ?

ומה תשובה השיב להם צאו וראו מה פירש דוד אבא, ומה זה הלשון עד היכן ולא, כמה גדול כחה של צדקה ? ונראה שהמאמר הזה יובן עפ״י המאמר בירושלמי (פאה פ״א) אריי בר מריון בשם ר״ל החסד הוא מעולם ועד עולם והצדקה עד שלשה דורות, שנאמר, חסד ה׳ מעולם וצדקתו לבני בנים, הנה ראינו שמפסוק זה למדו חז״ל שזכות הצדקה היא רק עד שלשה דורות א״כ קשה איך אמר דוד בעצמו, פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד שמזה משמע שגם הצדקה זכותה עד עולם, וזה ששאלו לשלמה, עד היכן, כלומר עד כמה, כחה של צדקה, אם היא עד עולם או רק עד שלשה דורות. כי מדברי אביך אין אנו יודעים זה כי הוא ס׳תר אע, במקום אחד אמר וצדקתו לבני בנים שמזה משמע רק עד ג׳ דורות ובמקום אחר אומר וצדקתו עומדת לעד והיא שאלה גדולה באמת בדברי דוד, שאלה שצריכה תשובה אבל שלמה ברוב חכמתו השיב ע״ז, כי הנה מצינו בפרקי ר״א שהצדקה שאדם נותן לש״ש בספ״י בדרך חסד ורחמנות, צדקה כזו יש לה כח החסד שבה, והיא מגינה לעולם, אבל הצדקה שאדם עושה בכילות וברוע לבב וצרות עין צדקה כזו זכותה רק עד ג׳ דורות, והתשובה הזאת השיב להם שלמה על שאלתם ואמר להם צאו וראו מה פירש דוד אבא, ובזה רמז להם שידקדקו בדברי דוד ולא ימצא בהם סתירה כי שם חלק את החסד לבד והצדקה לבד, כמ״ש ,חסד׳ מ׳ מעולם ,וצדקתו׳ לבני בנים, וצדקה כזו באמת זכותה רק עד ג׳ דורות, אבל פה אמר פזר נתן לאביונים, ומי שנותן בפזרנות בודאי נותן בעין טובה ורוח נדובה ובספ״י, צדקה כזו שיש בה גם חסד עומדת לעד ומגינה לעולם.[3])

ד) ידינו לא שפכה את הדם הזה (דברים כ״א) והקרי שפכו יש להבין הקרי והכתיב ע״פי מאמרם ז״ל (סוטה מ״ה) וכי עלתה על דעתנו שזקני ב״ד שופכי דמים הם ? אלא שלא פטרנוהו בלא מזון ובלא לויה. והנה מזון לעני שייך לאשה כמ״ש (תענית כ״ג) איתתא שכיחא בביתה ויהבה ריפתא לעניא, ולויה שייך לאיש

---

2) הגאון ר׳ ברכיה ברך ז״ל, ראוי להעיר כי יש מחברים שאינם בקיאים בספרים ומביאים מאמרים שלא בשם אמרם האמתי כן מצאתי בספר הבאר המאמר הזה בשם הבעש״ט וצ״ל ושמח הכותב על שזכה למסור דבר יקר כזה בשם הבעש״ט ובאמת המאמר הוא בספר זרע ברך פ׳ בראשית ראשון, ועל כגון זה נאמר ג״כ חכמים הזהרו בדבריכם. המחבר.

3) הגאון ר׳ בנימין אלי׳ אבד״ק סאקלאוו.

ולא לאשה שכל כבודה בת מלך פנימה, ואין דרכה לצאת (יבמות ע"ז) לכן מתודים זקני ישראל ידינו לא שפכה, לרמוז על מזון שבא אי"י האשה, והקרי לא שפכו לרמוז על ענין לויה, שבא ע"י האיש, וזה שלא פטרנוהו בלא מזון ובלא לויה. [4]

ה) לכו חזו מפעלות אלקים אשר שם שמות בארץ (תהלים ) ובגברא (ברכות ו') אל תקרא שַמות אלא שֵמות. הכמינו ז"ל הביעו לנו בדבריהם אלה רעיון נשגב, כי הנה הצלחת האומה תלוי רק באחדות השוררת בין בניה, כי כל זמן שכולם הם בדעה אחת שום צר וצורר לא יבא בגבולם, והרבון האומה הישראלית נמשך רק ע"י פרוד הדעות ושנאת האחים כמ"ש ז"ל (יומא ט') לא חרב בית המקדש אלא ע"י שנאת חנם, גם עתה עינינו הרואות שמכיון שהעם יתחיל להתחלק למפלגות שונות ולכל מפלגה שם אחר המורה על הרעיון שבעבורו לוחמים נושאי דגלה. פרוד וחלוקי הדעות האלה ימיטו עלינו אסון, גם תחית אומתנו כעת ובנין ארצנו מתנהג בכבדות ע"י רבוי המפלגות בעלי שֵמות שונות שנתרבו בימינו, וזה שאמרו רז"ל, עה"כ הנ"ל, אל תקרא שַמות אלא שֵמות, ר"ל לא יתכן שיהי' שמות והרבונות בארץ רק ע"י השמות של המפלגות השונות. [5]

ו.) באופן אחר נוכל להבין דבריהם ז"ל, אל תקרא שמות אלא שמות, היו ימים והמעשים הרעים לא היו נפרצים כ"כ בין בני אדם בעלי תרבות מחמת בושה כי מי שרצה גודע לרוצח, מי שגזל נודע לגזלן מי שלוה ולא שלם הי' נקרא לוה רשע ולא ישלם וכדומה, וע"כ היו נמצאים המעשים המכוערים האלה רק בין בני דלת העם בין בני אדם בלתי בעלי תרבות שהיה חסר להם רגש הבושה.

עתה נשתנו העתים, מי שגונב ממון ואינו רוצה לשלם נקרא באנקראט, מי שרצה נפש בקרית חוצות נקרא אטענטאטאר, מי שמעלים עין מן הצדקה נקרא איש שדואג לטובת בני אדם כביכול שלא יהיו ח"ו שנוררים וע"י השמות הנאים האלא שכנו את המעשים הרעים האלה יכולים גם בעלי התרבות כביכול לעשות מה שלבם חפץ כי כבר למדו בני אדם בעלי העת הנאורה להלל את הרוצחים כי הם עושים זאת לשם איזה ' אידעע, וכן יכולים לעשות כל המעשים המכוערים ועוד להנחיל כבוד עי"ז, וו"ש, אשר שם שַמות בארץ, אל תקרא שַמות אלא שֵמות, ר"ל השמות והתהפיכות הנעשים כעת בארץ הוא רק ע"י השמות הנאים שהלבישו להמעשים היותר נוראים ואכזורים. [6]

ז) לכו חזו מפעלות אלקים אשר שם שַמות אל תקרא שַמות אלא שֵמות, יובן עפ"י הידוע שמיום ברא אלקים ארץ ושמים לא יתכן להיות אין מיש כשם

---

4) הרה"ג ר' צבי הירש פערבער מלאנדאן. 5) הרה"ג ר' בנימין ברוך גוט מנוירק. 6) ד"ע.

שאי אפשר להיות עוד יש מאין, וכל מה שאנו רואים דברים מתים והולפים מן העולם הוא רק למראה עין ובאמת רק פושטים צורה ולובשים צורה, למשל העץ שנשרף נתפרדו חלקיו ונתפזרו אבל לא נפחת ממנו מאומה.

וזה שהשכילו רז"ל לרמוז לנו במלוצתם הנעומה, אל הקרא שַׁמות אל תדמי בנפשך כי יש שַׁמות וחרבונות בארץ, ר"ל שהדברים מן העולם חולפים ואינם עוד, רק שֵׁמות, אם רואה אתה דבר שחלף מן העולם לא נוע בההלט רק נתפרד לחלקיו שקבלו שמות אחרים.

---

7) התורני המנוח ר' משה נאכט ע"ה מיאסי.

# דער נייער „ספר הדרשות"

## א בוך פאר אלע אידען

### ענטהאלט אריבער הונדערט דרשות

אויף יעדע סדרה פון דער תורה און אויף אלע ימים טובים. וועלכע בעהאנדלען די ברענענדינסטע פראגען בנוגע צו אידען און אידענטום פון די גאנץ ערשטע צייטען ביז אין די געגענוועדטיגע צייט.

ערשטער טייל

ספר בראשית

צווייטער העפט, פרשות נח, לך.

פערפאסט פון הרב **שמואל שוועמער** יאסי

פערפאסער פון מערערע ספרים אין עבראיש און אידיש, און ארויסגעבער פון די „אידישע וויסענשאפט", א זשורנאל פיר ליטעראטור, היסטאריע וויסענשאפט, ביאגראפי און הדושי תורה.

יאסי תרצ"ו

---

# NOUA CARTE A PREDICILOR

**CUPRINDE**

Peste una sută predici religioase rostite în diferite ocaziuni în sinagogile şi templele din ţară de

**Rabinul ŞMIL H. ŞFEMER**

autorul mai multor opere literare şi ştiinţifice.

**IAŞI 1936**

Tip. „PROGRESUL" A. GRIMBERG, Iaşi
Str. Victor Place No. 7 (în curte.)

ב"ה.

נדרשתי לבקשת ידידי הרב המופלג בתוי"ש החכם השלם דורש טוב בעמו מו"ה שמואל שוועמער נ"י מק' יאסי, להשים עיני במחברת דרשותיו אשר הוא מו"ל כעת ולהגיד לאדם ישרו והנה ידעתיו מכבר בתור מטיף מצוין ודרשן מפאר כי ה' חננו בלשון למודים ועט סופר מהיר ויראת ה' אוצרו וראוים דבריו להעלותם בדפוס ויפיקו תועלת רצויה.

בעה"ח יומא דפסחא זעירא תרצ"ו לפ"ק

**משלם ראטה** אבד"ק טשערנאוויץ והגליל.

ב"ה.

ידידי הרבה"ג חו"נ מטיף נעים כש"ת מו"ה שמואל שוועמער מיאסי, כבר עשה לו מוניטון בעולם הספרות בספריו שהו"ל, כעת שמתי עינו על דרשותיו בשפת יהודית וראיתי שבכחם להלהיב נפשות עמי בני עמנו לתורה ולתעודה ולהפיח בהם רוח לאומי ומצאתם ראוים להביאם על משבח הדפוס לחלקם ביעקב ולהפיצם בישראל . . . וחוב קדוש על כל אחד מבני עמינו ליקח ספר דרשותיו ולהביא ברכה לתוך ביתו.

באעי"ה יום כ' שבט ת"צ"ו פיאטרא

הק' **חיים יהודה ליבל** אבד"ק פיאטרא-נ. והגליל.

בעה"מח ש"ות דברי חיים

# נ ח׳

## א.

## טעמא: א גאנצער און א האלבער איד, די מצות שבין אדם למקום און די מצות שבין אדם לחברו.

די גאנצע תורה פון בראשית ביז לעיני כל ישראל איז הייליג, די ווערטער פונ׳ם פסוק ותמנע היתה פלגש [1]) האבען די אייגענע קדושה ווי די ווערטער פונ׳ם פסוק, שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד, [2]) פון דעסטוועגען מאכען אויף אונז א בעזונדערען איינדרוק די שעהנע און אינטערעסאנטע ערצעהלונגען פון די ווינטערדיגע סדרות, נאך אלס קינדער, ווען מיר האבען געלערנט בא אונזער אמאליגען רבי אין אלטען חדר — אט דער רבי מיט דעם חדר פון וועלכע אונזער יונגער דור האט שוין נישט קיין שום בעגריף — געדענק איך נאך די בעגייסטערונג וואס מיר האבען געהאט ווען מיר זענען געזעסען אר׳ם טיש אין די ווינטערדיגע אויפדערנאכטען און מיר האבען מיט א בעזונדערע פיאטעט אויס געהערט פונ׳ם רבי, וועלכער האט בא אונז אין די אויגען אויסגעזעהען ממש ווי א מלאך אלקים, די שעהנע און רייצענדע מעשיות פון די ווינטערדיגע סדרות וועלכע האבען געווירקט אויף אונזערע קינדערישע ווייכע הערצעליך און האבען אין זיי איינגעפלאנצט א סימפאטי און א ווארימע ליבע, רעספעקט און דרך ארץ צו דער אידישע תורה, וועלכע האט אייביג נישט אויסגעוועפט און מיר זענען פארבליבען הייסע טרייע תורה אידען אויף אונזערען גאנצען לעבען, ווען מיר זענען אויך גרויס געווארען און זיך צושפרייט אין דער גרויסער און ברייטער וועלט איז אין אונזערע הערצער פארבליבען איינגעפלאנצט אהבה אין דרך ארץ צו דער אידישע תורה און צו דער אידישער אמונה.

איך געדענק נאך היינט וואס פאר א איינדריק עס האט אויף אונז קינדער געמאכט די געשיכטע פון נח מיט זיין תבה און דער גאנצער פראצעס פונ׳ם מבול, איך געדענק נאך איצט, גלייך ווי נעכטען איז עס געוועזן, ווי אזוי דער רבי האט אונז פארטייטשט דעם פסוק, אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים הי׳ בדורותיו, דאס זענען די קינדער פון נח, נח איז געוועזן א גאנצער צדיק אין זיינע דורות, רבי,

1) בראשית ל״ו. 2) דברים ו.

האָט א יונגעלע מיט גרויס דרך ארץ געוואגט צו פרעגען, וואס הייסט א גאנצער צדיק, איז דען אויך פאַרהאנען א האַלבער צו אַ פירטעל צדיק, וואס די תורה זאגט אויף נח'ן אז ער איז געווען א צדיק תמים, א גאנצער צדיק? פאַרשטייסטו מיין קינד, האָט איהם דער רבי מיט א ליבליכען גלעט אויפ'ן בעקעלע געענטפערט, אין א קליין שטעטיל הייסט דער א שניידער וועלכער קען אויפנייען א גאנצען קאסטיום, די אויזען מיט'ן וועסטעל מיט'ן רעקעל, ווען איינער פון אונזער שטעטעל זאל אריין קומען צו מאשקי שניידער ער זאל איהם אויפנייען א קאָסטיום און מאשקע זאל איהם זאגען אז ער קען נאר אויפנייען די אויזען אבער דאס וועסטעל און דאס רעקעל קען ער נישט אויפנייען, וואלט זיך יענער באלד אויסגעלאכט פון איהם און וואלט איהם אויפ'ן ארט געזאגט, ענט איהר נישט קיין שניידער, אין א גרויסער שטאט איז אבער נישט אַזוי, דארט רופט מען אויך א שניידער, דעם וועלכער קען נייען נור אויזען, אָדער נור וועסטלעך אדער רעקלעך, נאך אין א גרעסערער שטאט, ווי לאָנדאָן, נוי־יאָרק וכדומה, הייסט אויך א שניידער דער וואס נייט אָן בלויז קנעפלעך, א אנדערער וואס נייט איין די קעשענעס און נאך א אנדערער וואס נייט איין די ארבעל, יעדער פון די הייסט א שניידער, דאס זעלבע איז מיט אידישקייט אויך, אין אונזער אלטער היים, אין קליינעם שטעטעל פון רוסלאַנד אָדער פוילען, האָט געהייסען א איד, דער וואס האט מקיים געווען די גאנצע תורה, געלעגט תפילין, גדאַווענט בצבור, געהיט שבת, געגעסען כשר'ס, געגעבען צדקה, אין א גרויסער שטאט איז אָבער גאַנץ אנדערש, פאַרהאנען א איד וואס דאווענט, א אנדערער וואס גיט צדקה, א דריטער וועלכער איז נאַציאָנאַל געשטימט, דאַרט אין אונזער היים איז געווען גאנצע אידען, אין די גרויסע שטעט איז אבער דאָ האַלבע, פערטיל און שטיקליך אידען. דאריבער זאגט אונז די תורה אויף נח'ן איש צדיק תמים, דאס הייסט, נח איז געווען א גאנצער איד נישט קיין האלבער אָדער א פירטעל, און אַזוי האָט טאַקי השי"ת געזאגט צו אונזער פאטער אברהם, התהלך לפני והי' תמים [1]) געהע פאַר מיר און זיי א גאַנצער איד, און אַזוי האט אונז אלע די תורה געזאגט, תמים תהי' עם ה' אלקיך [2]) די תורה וויל גאנצע אידען נישט האַלבע אדער שטיקלעך אידען.

יא רבותי מ'ברויכט צו זיין א גאנצער איד. ליידער האָט אָבער דער גלות פון אונז אויסגעאַרבייט שטיקלעך אידען, מיר געפונען אין אונזערע צייטען אידען וואס האבען ליב צו טאהן א מצוה'לע אבער נישט אלע מצות, א מצוה'לע מקיים זיין מהיכי תיתא, אבער זיי אנטלויפען נישט אויך פון קיין עברות.

פאַרהאַן א אנעקדאָטע וועלכע מאלט מיט ריכטיגע פארבען דעם כאַראקטער פון א טייל פון היינטיגע אידען פון אונזער צייט.

---

1) בראשית י"ז. 2) דברים י"ח.

צוויי סוחרים, אידען פון פארשידענע שטעהט, האבען גענעכטיגט אין איין צימער און א האטעל אין ווארשא, אויף מאָרגען זענען זיי ביידע געגאַנגען באקוקען די שטאט, געהענדיג אזוי, האָט איינער פארלוירען זיין פאָרטמאָנע מיט געלד, דער צווייטער האָט עס אויף געהויבען, אָפגעגאנגען עטליכע טריט ווייטער, קעהרט אום דער איד וואס האט געפונען, יענעם זיין פארלוירענעם פאָרטמאָנע און זאגט צו איהם, מיר באַשערט א מצוה פון השבת אבידה.

אויף מאָרגען גאנץ פריה, כאפט זיך יענער איד, אז זיין פאָרטמאָנע מיט'ן געלד איז ווידער ניטא, ער מאַכט א געפילדער מ'הויבט אָן צו זוכען און מ'געפינט דאס געלד באם צווייטען אידען, ווי הייסט דאס, פרעגט איהם יענער, געכטען אז איהר האט אין גאס געפונען מיין געלד האט איר עס מיר אליין אומגעקערט, און דער נאך האט איהר עס אוועק גענגבה'ט ? פארשטעהט איהר מיך — האָט יענער געענפערט — אומקערען א אבידה איז א מצוה, און אויף א מצוה בין איך אויך צו מאל א בעלן, אָבער פון א עבירה'לע אנקלויף איך אויך נישט .אז איך האב געהאט א געלעגנהייט צו פראָוון א גנבה'לע, פאר וואס נישט. ?

דיזער אנעקראָט כאראקטיזירט דעם היינטיגען איד, פריהריגע אידען זענען געוועהען גאנצע אידען, א איד האָט געוואוסט אז ער מוז אבהיט'ן אלע מצות און דארף אויסמיידען צו טאן א עבירה, היינט האבען מיר אבער שטיקלעך אידען, דער איד אין אונזערע צייטען האָט אפשר ליב צו טאן א מאל א מצוה'לע, ער איז אבער אויך א בעלן אויף א עבירה, דער אמאליגער איד איז געווען אין דער בחינה פון עשה טוב און סור מרע, דער היינטיגער איד אבער איז טאקי צו מאל א עשה טוב, אבער נישט קיין סור מרע.

יא, א איד מוז זיין ביידע, אי א סור מרע אי א עשה טוב, א איד מוז זוכען מקיים צו זיין א מצוה אָבער זיך אויך אויסהיטען פון א עבדה אזוי ווי שלמה המלך האט געזאגט אין ענדע פון קהלת, נאך אלע פילאזאָפיען וועלכע ער האט דיסקוטירט אין דיזען בוך קומט ער צו דער קאנקלוזיע, סוף דבר הכל נשמע את אלקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם, [1] די ענדע פון די אלע דעבאטען פון דיזען ספר איז, אז זאלסט מורא האבען פאר גאט, דאס הייסט סור מרע, נישט צו טאן קיין שלעכטס, ואת מצותיו שמור, דאס הייסט מקיים צו זיין די מצות פון דער תורה, ווייל דאס איז דער תכלית פונ'ם מענש.

נור אום בעסער צו פארשטעהען די ווערטער, כי זה „כל" האדם, מוז איך דא דערמאנען זעהר א אינטערעסאנטען מאמר פון אונזערע חכמים, אויפ'ן פסוק, ואתן צאן מרעיתי אדם אתם [2] דרשנ'ען אונזערע חכמים, אתם קרוין אדם ואין אומות

1) קהלת י"ב. 2) יחזקאל ל"ד.

העולם קרוין אדם [1]) נור איהר אידען ווערט אנגערופען אדם אבער די אומות העולם ווערן נישט גערופען אדם, מיט דיזען מאמר האבען זיך בענוצט די גרעסטע שונאי ישראל, זעהט נור ווי די אידישע חכמים, דער תלמוד רעכענט נישט די פעלקער פאר קיין מענשען און זאגען אז נור אידען ווערן בעטיטעלט מיט'ן נאמען אדם, מענש, ווערענד אלע פעלקער זענען נישט ווערט צו טראגען אפילו דעם נאמען מענש, נאך היינט ווען איהר וועט רעדען אפילו מיט א אידישען משכיל וועט ער אייך באלד ווארפען אין פנים דעם דאָזיגען מאמר, אתם קרוים אדם ואין אומות העולם קרוין אדם, און וועט אייך דערביי זאָגען אז די שונאי ישראל זענען טאקי גערעכט וואס זיי האבען אונז פיינד, ווייל זיי זענען אין אונזערע אויגען נישט גערעכענט פאר קיין מענשען.

ווען מיר ווילען זיך. אבער פארטיפען אין דיזען ענין וועט אונז באלד קלאר ווערען איבער וואָס דא האנדעלט זיך.

איהר געדענקט מן הסתם נאך פונ'ם חדר ארויס די עצה וואס יתרו האָט געגעבען משה'ן ווען ער האָט געזעהן אז ער משפט איינער אליין דאס גאנצע פאלק און עס איז צו א שווערע לאסט פאר איהם, האט ער איהם געזאגט: איעצך וגו' ואתה תחזה אנשי חיל יראי אלקים אנשי אמת שונאי בצע [2]) און זיי זאלען דיר צו העלפען אין דיזער ארבייט און משה האט געפונען פאר ריכטיג די עצה פון זיין שווער און האט איהם געפאלגט, אזוי ווי די תורה זאָגט אונז טאקי, וישמע משה לקול חותנו ויעש כל אשר אמר, דאס הייסט אז משה האט צו געהערט די ווערטער פון זיין שווינער פאטער און האט געטאן אלעס אזוי ווי ער האט געזאגט, אבער הערט א וואונדער, די תורה זאגט אונז ווייטער, ויבחר משה אנשי חיל ויתן אותם ראשים על העם, [3]) הייסט דען דאס געטאן אלעס, אזוי ווי ער האט געזאגט? יתרו האט דאך געזאגט, אנשי חיל, יראי אלקים, אנשי אמת, שונאי בצע, און משה האט אויסגעקליבען נור אנשי חיל?

נור הערט איין מאל אוים רבותי, ווען מיר בעטראכטען דעם חילוק פון א גרויסען מענש ביי די אומות העולם און א גרויסען מענש ביי אידען' זעהען מיר אז ביי זיי, ביי די אומות העולם קען זיין א גרויסער מענש וועלכער זאל זיך באמת אויסצייכנען איפ'ן געביט פון זיין אקטיוויטעט, צום ביישפיל, א גרויסער דיפלאמאט, א בעוואוסטער געניראל, אדער א אוניווערזיטעטס פראפעסאר אדער א גרויסער מעדיצינער, און אין זיין פריוואטען לעבען זאל ער זיין א אונמאראלער מענש מיט שלעכטע מדות און דאס אלעס זאל איהם נישט שטערען צו זיין זאך מיט וועלכער ער צייכענט זיך אוים, בא אונז אידען איז אבער גאנץ אנדערש, א גרויסער מענש בא אידען מוז אויך אין זיינעם פריוואטען לעבען זיין הערליך און פיין, בא

1) יבמות ס"א. 2) שמות י"ח. 3) שם.

אונז אידען איז דא די לאזונג פון קדש עצמך במותר לך, אפילו אזעלכע זאכען וואס דעם אידען איז ערלויבט מוז ער עס אויך טאן מיט א בעזונדער פרעמליכקיט, ווען מיר דערמאנען די נעמען פון אונזערע גדולים ווי א ווילנער גאון, א נודע ביהודה, א רבי ר׳ יונתן אייבשיץ א הכם צבי א חתם סופר וכדומה, זעהען מיר פאר אונז מלאכים אין געשטאלט פון מענשען אין וועמענס לעבען מיר קענען נישט געפונען דעם קלענצטען פלעק.

איצט פארשטעהען מיר שוין, יתרו איז געוועז א גוי און ער האט געוואוסט אז בא זיי קען זיין א איש חיל אבער ער זאל דערביי אויך זיין אונמאראל, דאריבער האט ער בעדארפט אויסרעכנען נעבען אנשי היל אויך, יראי אלקים, אנשי אמת שונאי בצע, משה דאנענען האט אבער געוואוסט אז בא אידען ווען איינער איז א איש היל איז ער שוין במילא מיט אלע מדות טובות און איז א ודאי א ירא אלקים א איש אמת און א שונא בצע, און דערפאר זאגט טאקי די תורה ויבחר משה אנשי היל און רעכענט נישט אויס די איברינע מעלות וואס יתרו האט אויסגערעכענט.

איצט פארשטעהען מיר שוין דעם דערמאנטען מאמר, ווי דער שטיינער איז פון אונזערע חכמים האבען זיי דא אויך גע־עדט ברמז, פארשטעלט, אז נור פארשטענדיגע מענשען זאלען פארשטעהען די כונה פון זייערע רייד, א פאלקאמענער מענש הייסט נאכ׳ן בעגריף פון אונזערע הכמים, נאר דער וועלכער איז ביידע, א סור מרע און א עשה טוב, דאס הייסט אז ער איז מקיים אלע מצות עשה פון דער תורה און איז נישט עובר אויף די מצות לא תעשה און דאס קען מען געפרנען ברמז אינםווארט אדם וואס איז די ראשי תבות פון אשמרה דרכי מחטא און אויך פון דרך מצותיך ארוץ, האבען אונזערע חכמים געוואלט זאגען אז נור מיר אידען וועלכע מיר זענען מקיים די מצות פון דער תורה און מיר זענען סור מרע און עשה טוב, ווערען אנגערופען אדם אין וועלכען ס׳איז מרומז דער סור מרע דורך די ראשי תבות פון אשמרה דרכי מחטא, און דער עשה טוב וועלכער איז מרומז אין די ראשי תבות פון דרך מצותיך ארוץ. דא האט זיך נישט געהאנדעלט פון דער איינפאכער טייטש פונ׳ם ווארט אדם, מענש, אז אונזערע חכמים זאלען זאגען אז נאר א איד איז א מענש און די אומות העולם זענען נישט קיין מענשען, דא האבען אונזערע חכמים אנגעדייטעט א העכערען געדאנק וואס איז בעהאלטען אין ווארט אדם, דער סור מרע און עשה טוב, דאס מקיים זיין די מצות עשה און לא תעשה, דארויף האבען זיי געזאגט, אתם קרוין אדם ואין אומות העולם קרוין אדם, און דאס האט שלמה געזאגט, סוף דבר הכל נשמע, את אלקים ירא דאס איז סור מרע, ואת מצותיו שמור, איז עשה טוב, כי זה „כל" האדם, ווייל דאס אלעס איז מרומז אין ווארט אדם וואס איז די ר״ת פון אשמרה דרכי מחטא און פון דרך מצותיך ארוץ.

יא רבותי מ'ברויך צו זיין א גאנצער איד, ליידער האט אבער דער גלות פון אונז אויסגעארבייט האלבע אידען פאראהנען בא אונז אידען וועלכע היטען אב נור די מצות שבין אדם למקום, דאווענען און לערנען און עסען כשר'ס וכדומה אבער ווען עס קומט צו די מצות שבין אדם להבירו, צדקה, העלפען גויטבעדאר־פטיגע, שטעהען זיי פון דער ווייטען, פארהאנען ווידער אנדערע וועלכע היטען די מצות שבין אדם להבירו, פילאנטראפישע אידען געבען צדקה אונטערשטיצען ארעמע אבער פון שבת, תפילין, כשרות ווילען זיי נישט וויסען, אט די דאזיגע הייסען נור האלבע אידען נישט קיין גאנצע אידען, אט אזעלכע אידען זענען דער פראדוקט פונ'ם גלות.

דערמיט פערשטעהען מיר וואס די תורה זאגט ויתן ה' אלי את שני לוחת האבנים, [1]) דארויף זאגט רש"י פון הז"ל וועגן, לוחת כתוב, חסר אהן א ויו, מלמד ששתיהן שוות, [2]) דאס הייסט אז דאריבער שטעהט אין דער תורה דאסווארט לוחת חסר אהן א ויו אין עס שטעהט נישט לוחות, עס זאל מיר ווייזען אזביידע לוחות זענען געווען גלייך, דאס הייסט או מ'זאל זיך נישט טועה זיין אין מיינען אז איין לוח איז געווען גרעסען אָדער לענגער פונ'ם צווייטען דער פאר זאגט אונז די תורה לוחת אהן א ויו מיר זאלען וויסען אז ביידע לוחות זענען געווען גלייך, אין אמת איז די זאך נישט פארשטענדליך, פאר וואס זאל עפיס איינפאלען אז די לוחות זענען נישט ביידע גלייך, מיר ווייסען אז ווען א גוטער מייסטער ארבעט אב א פארעל ארבייט זענען בודאי ביידע גלייך, וועט דען א גוטער שניידער מאכען א פאָר אויזען אז איין אויז זאל זיין לענגער אדער ברייטער פונ'ם צווייטען, צו וועט דען א גוטער שוסטער מאכען א פאר שיך זיי זאלן נישט זיין ביידע גלייך, און ווען די תורה זאגט והלחות מעשה אלקים המה, [3]) ווען ווען וועט עס עפיס איינפאלען אז זיי זענען נישט ביידע גלייך, וואס די תורה האט צוליב דעם בעדארפט שרייבען לוחת חסר אהן א ויו, כדי צו וויסען אז ביידע לוחות זענען געווען גלייך ?

דאריבער מוזען מיר זאגען אז דא איז בעהאלטען א גאנץ אנדערע כונה, אזוי ווי מיר ווייסען אז אויף ביידע לחות זענען געווען געשריבען די עשרת הדברות אויף יעדען לוח פינף געבאט, און ווען מיר בעטראכטען גוט די דברות וואס אויף יעדען לות, זעהען מיר אז אויף איין לוח איז געווען אנגעשריבען אזעלכע וואס איז נוגע נאר בין אדם למקום, אזוי ווי, אנכי ה' אלקיך, לא יהי' לך אלקים אחרים, לא תשא את שם ה' לשוא, וכדומה, און אויפ'ן צווייטען לוח איז געווען אנגעשריבען מצות שבין אדם להברו, ווי לא ת־צח, לא תגנוב, לא תנאף לא תחמוד וכו'. איצט טאמער וועט איינער קומען און זאגען אז דער לוח אויף וועלכען

---

1) דברים ט. 2) רש"י שם. 3) שמות ל"ב.

עס זענען אנגעשריבען די מצות שבין אדם למקום איז וויכטיגער און א אנדערער וועט קומען און זאגען פארקערט, דער אנדערער לוח אויף וועלכען עס זענען אנגע־שריבען די מצות שבין אדם לחברו איז וויכטיגער, דאריבער האט די תורה געשרי־בען לוחת אהן א ויו, עס זאל מיר ציינען אזביידע לחות זענען גלייך, דאס הייסט אז ביידע זענען פון איין ווערט און מיר קענען נישט זאגען אז איינער איז וויכטיגער פונם אנדערען, דאס הייסט מלמד ששתיהן שוות, זענען ביידע פון איין ווערט און א־ין וויכטיגקייט.

לויט דעם קענען מיר אויך פאַרשטעהען די כונה פון דער משנה אל יעמוד אדם ברשות הרבים וירוק ברשות היחיד ואל יעמוד אדם ברשות היחיד וירוק ברשות הרבים, [1]) א הויץ דעם דין וואס די משנה קומט אונז לערנען אז מ׳טאר נישט אום שבת א־יין שפייען פונ׳ם רשות היחיד און רשות הרבים און פארקערט, קענען מיר אין די ווערטער פון דער משנה אויך געפונען א רמז צו דעם וואס מיר האבן גאזאגט.

נור רבותי, דא וועט קומען א איד און א פרעג טאהן, ווענן וואס האט מען גאר איינגאנצען בעדארפט צוויי לחות, האט דען השי״ת נישט געקענט אנשרייבען אלע צעהן דברות אויף איין לוח, דער תירוץ איז אבער דער זעלבער, וואלטען אויף דעם איינעם לוח געווען צום ערשטען די מצות שבין אדם למקום, וואלטען נעקו־מען מענשען און געזאגט אז די מצות שבין אדם למקום זענען וויכטיגער א סימן אז אויפ׳ן לוח שטעהען זיי די ערשטע, וואלטען ווידער געווען די מצות שבין אדם לחברו צום ערשטען וואלט מען געזאגט אז די דאזיגע מצות זענען חשובער, דאריבער האט דער אויבערשטער געגעבען די עשרת הדברות אנגעשריבען אויף צוויי לחות צו ווייזען דערמיט אז די ביידע סארטען מצות זענען פון איינע און די זעלבע וויכטיגקייט.

נור ווען מיר בעטראכטען נוט די ביידע סארטען מצות, שבין אדם למקום ושבין אדם לחברו, זעהען מיר אז די ערשטע זענען בבחינת רשות היחיד, ווען א איד דאווענט און לעגט תפלין אדער ער איז מקיים א אנדער מצוה שבין אדם למקום האט ער נישט צו טאן מיט קיין אנדערען, דא האט דער מענש צו טאן מיט׳ן רבונו של עולם אליין, ווען א איד איז אבער מקיים די מצות שבין אדם לחברו, הייסט עס אז ער געפינט זיך אין א רשות הרבים ווייל דא האט ער שוין צו טאן מיט דער וועלט, ווען ער ברויכט הערליך צו האנדלען געבען צדקה וכדומה קומט אויס אז ער שטעהט אין א רשות הרבים, זאגען אונז אונזערע חכמים אל יעמוד אדם בישות היחיד וירוק ברשות הרבים, דאס הייסט אז דער וואס שטעהט אין רשות היחיד און איז מקיים די מצות שבין אדם למקום, זאל נישט אריין

---

1) עירובין פ״י מ״ה.

שפייען אין רשות הרבים, ער זאל נישט זאגען אז די מצות שבין אדם לחברו האבן נישט קיין ווערט, און ווידער פארקערט, אל יעמוד אדם ברשות הרבים וירוק ברשות היחיד. דאס הייסט, דער וואס איז מקיים די מצות שבין אדם לחברו, זאל נישט אריין שפייען אין רשות היחיד און זאגען אז די מצות שבין אדם למקום האבען נישט קיין ווערט, ווייל ביידע, די מצות שבין אדם למקום און די מצות שבין אדם לחברו זענען פון איין וויכטינקייט.

נור אזוי ווי מיר לעבן אין א דור וואס מיר האבען פיל קלוגע אידען וועלכע בעהויפטען, אז דער עיקר איז טאקי נאר די מצות שבין אדם לחברו, מ'זאל העלפען נויטבעדערפטיגונג הערליך האנדלען נישט רויבען און נישט גזלנען נישט גנבינען און פארלייקענען, און די מצות שבין אדם למקום מורא האבען פאר גאט תפילין, ציצית, שבת, אתרוג, סוכה מצות וכדומה, די אלע זאכען זענען נאר אין גאנצען איבריג. קומט אבער די פראקטיק און צייגט אונז אז עס איז נישט אזוי, ווייל דארט וואו עס איז נישטו קיין פארכט פאר גאט איז אויך נישטו קיין מענש־ליכקייט, אזוי ווי דער פסוק זאגט אונז טאקי אין דער היינטיגער סדרה ותשחת הארץ לפני האלקים, ווייל עס איז נישט געווען בא די מענשען קיין גאטהייט, ותמלא הארץ חמס,[1] האט זיך דערפון גענומען וואס די וועלט איז געווארן פול מיט רויב, און דאס זעלבע זאגט אונז אויך די תורה אויף א צווייטען ארט, ונפש כי תחטא ומעלה מעל בה', וועט זיין די ענדע אז, וכחש בעמתו.[2]

לויט דעם פארשטעהן מיר זעהר א וויכטיגן ענין אין דער תורה, ווען משה איז געקומען מיט די לוחות און האט דערזעהען ווי די אידן האבן געמאכט דעם ענל, זאגט אונז דער פסוק, וישלך מידו את הלחות,[3] ווען מיר באמערקען זעהען מיר אז דער כתיב איז מידו, וואס איז טייטש איין האנד, און דער קרי איז, מידיו וואס איז טייטש ביידע הענד, דעם כתיב מיט'ן קרי קענען מיר פארשטעהען אזוי, ווי מיר האבן פריר געזאגט איז אויף איין לוח געווען אנגעשריבן די מצות שבין אדם למקום און אויף איין לוח איז געווען אנגעשריבן די מצות שבין אדם לחברו, אז משה איז געקומען מיט די לוחות האט ער געהאלטען איין לוח אין איין האנד און דעם צווייטען לוח אין דער צווייטער האנד, ווען ער האט דערזעהען אז די אידען האבען געמאכט דעם ענל, האט ער געדענקט נו אידען האבען דאך נור געזינדיגט נעגן גאט דערמיט וואס זיי האבן געמאכט דעם ענל, וועט ער אראב ווארפען נור דעם לוח אויף וועלכען עס זענען אנגעשריבען די מצות שבין אדם למקום און זיי וועלען בלייבען מיט'ן צווייטען לוח אויף וועלכען עס זענען אנגע־שריבען די מצות שבין אדם לחברו, ער האט זיך אבער אויס'ן ארט באדענקט, אז אויב זיי האלטען נישט פון די מצות שבין אדם למקום, איז אומזוסט, וועלען זיי

[1] בראשית ו. [2] ויקרא ה. [3] שמות ל״ב.

נישט מקיים זיין די מצות שבין אדם לחברו אויך, ווייל דארט וואו ס'איז נישטו קיין נאטהייט איז נישטו קיין מענשליכקייט אויך און האט אראב געווארפען פון דער צווייטער האנד אויך דעם לוח אויף וועלכען עס זענען געווען אנגעשריבן די מצות שבין אדם לחברו, דאריבער זאגט דער פסוק. וישלך את הלחות מידו און דער קרי איז מידיו, ווייל צום ערשטן האט ער טאקי אראב געווארפן איין לוח פון איין האנד, אבער באלד האט ער אראב געווארפן דעם צווייטען לוח פון דער צווייטער האנד.

אבער פון וואנען האט זיך גענומען די שפאלטונג בא אידען פון וואנען האט זיך געבילדעט בא אידען אזעלכע צוויי פארטייען, וואס א טייל זאלן האלטען פון די מצות שבין אדם למקום און אנדערע פון די מצות שבין אדם לחברו? דאס האט זיך גענומען דערפון וואס יעדער מיינט אז נור בא איהם איז דער אמת, ווייל אזוי ווי דער מענש איז נאר באשאפען געווארן איז דער אמת געווארן צו שפאל־טען און יעדער האט געכאפט א אנדער אמת אזוי ווי די חכמי המדרש זאגן אונז, בשעה שברא הקב"ה את האדם נעשו מלאכי השרת כתות כת"ת וכו' חסד אמר יברא שכלו מלא חסדים, אמת אמר אל יברא שכלו מלא שקרים וכו', מה עשה הקב"ה נטל אמת והשליכו ארצה שנאמר ותשלך אמת ארצה,[1]) און אזוי ווי נאט האט אראב געשליידערט דעם אמת פונ'ם הימעל צו דער עיד, איז דער אמת צו־בראכען געווארן אויף שטיקער און יעדער האט געכאפט א שטיק, פון דאמעלס אן איז קיין גאנצער אמת נישטו בא קיינעם, נור א צובראכענער אמת און יעדער מיינט אז דער ריכטיגער אמת איז נור בא איהם נישט בא קיין אנדערען, און דער פאר ווייל יעדער האט א אנדער אמת איז באשאפען געווארען פארשידענע אידיאלען, פארשידענע אידעען ארום וועלכע מענשען רייסען זיך ארום און עס ווערט פארגאסען טייכען און גאנצע ימים מענשען בלוט...

דער מיט פארשטעהען מיר זעהר א אינטערעסאנטען מדרש, לשעבר זה אלי ואנוהו לעתיד, הנה אלקינו זה קוינו לו,[2]) די חכמי המדרש האבן אונז מיט די עט־ליכע ווערטער ענטדעקט זעהר א טיפען געדאנק, זיי האבן אונז געוואלט זאגן אז כל זמן מענשען וועלן זיך אזוי פירען אז יעדער וועט זאגען אז בא איהם איז דער אמת, זיין אידיאל איז דער ריכטיגער, זיין גאט איז דער אמת'ער, דאס הייסט יעדער וועט האבען א בעזונדער אידיאל, וועט די אמת'ע ישועה נישט קענען קומען אויף די מענשהייט, נור דאן ווען עס וועלן פארוויקליכט ווערן די רייד פון אונזערע נביאים אז אלע מענשען וועלן האבן איין אמת, איין אידיאל, איין גאט, דאמעלס וועט קומען די ישועה, דאס מיינען זיי לשעבר זה „אלי" ואנוהו, האט יעדער א בעזונדער גאט און זאגט אז זיינער איז דער אמת'ער, אבער לעתיד אין דער קינ־

1) בר"ר פ"ח. 2) ילקוט רמז קל"ו.

פטינער צייט, ווען אלע מענשען צוזאמען וועלן זאגן הנה .אלקינו׳ זה קוינו לו, מיר האבען אלע איין גאט, דאמעלס, ויושיענו, וועט קומען די ישועה, די אמתע הילף.

איצט ווערט אונז שוין פארשטענדליך, נאך א שווערער מדרש אויפ׳ן פסוק, אז הוחל לקרא בשם ה׳ זאגן די חכמי המדרש, דור אנוש אין לו חלק לעולם הבא, [1] אונזערע חכמים ענטדעקען אונז מיט די פאר ווערטער אויך דעם זעלבען געדאנק, ווייל דער חטא פון דור אנוש איז אייגענטליך נישט ארויס געשריבען אין דער תורה, דער פאר האבן אונזערע חכמים פארשטאנען אז אין די ווערטער אז הוחל לקרא בשם ה׳ איז בעשריבען זייער חטא, ווייל עס שטעהט בלשון יחיד, אז הוחל הייסט עס אז יעדער איינציגער באזונדער האט זיך געהאט א באזונדער גאט, און האבען דעריבער געזאגט אז דור אנוש, דער דאזיגער דור אנוש, וואס יעדער באזונדער האט זיך א אנדער גאט און זאגט אז זיינער איז דער אמת׳ער, אין לו חלק לעולם הבא ווען אלע מענשען צוזאמען גועלן האבען איין גאט און וועלן זאגען הנה אלקינו זה קוינו לו . . . דאס איז די צייט אויף וועלכער דער פסוק זאגט וכל בני בשר יקראו בשם ה׳, [2] אלע מענשען צוזאמען וועלן גלויבען אין דעם זעלבינגן לעבדיגען גאט, און עס וועט מעהר נישט עקסיסטירען קיין פארשידענע אמונות, פארשידענע אידיאלען און פארשידענע געטער. נור דער אמת׳ער אל שדי.

---

1) בראשית רבה. 2) ישעי׳ י.

# נ ח.

## ב.

## טעמא! נח פלאנצט א וויינגארטען, אידען מיט נשמות פון חם און אידען מיט נשמות פון שם און יפת. . .

אין דער היינטיגער סדרה ווערט דערציילט; ויחל נח איש האדמה ויטע כרם, און נח דער ערד־מענש האט אנגעהויבען און געפלאנצט א וויינגארטען, וישת מן היין, און ער האט געטרינקען פונ'ם וויין, וישכר, און איז שכור געווארען, ויתגל בתוך אהלו, און איז געבליבען א אויפגעדעקטער אין זיין געצעלט, וירא חם אבי כנען את ערות אביו, און חם דער פאטער פון כנען האט געזעהען די ענטבלויזונג פון זיין פאטער, ויגד לשני אחיו בחוץ, און ער האט דאס געזאגט צו זיינע צוויי ברידער וועלכע זענען געשטאנען אין דרויסען, ויקח שם ויפת את השמלה, האבן שם און יפת גענומען דאס לייליך, וישימו על שכם שניהם, און האבען עס ארויף געלייגט אויף זייערע ביידענס אקסעל, וילכו אחורנית, און זיי זענען געגאנגען אונטער־וויילינכס, ויכסו את ערות אביהם, און האבען צוגעדעקט דיע ענטבלויזונג פון זייער פאטער, ופניהם אחורנית, און זייער פנים אומגעקערט, וערות אביהם לא ראו, און די ענטבלויזונג פון זייער פאטער האבען זיי נישט געזעהען.

אויף די ווערטער, ויחל נח איש האדמה ויטע כרם, זאגען אונזערע חכמי המדרש, ויחל, שעשה עצמו חולין [1], נח האט זיך דערמיט וואס ער האט געפלאנצט א וויינגארטען פראסט געמאכט, דאס הייסט אז נח, אויף וועלכען די תורה זאגט איש צדיק תמים, האט זיך גענומען צו א געמיינע ארבייט, פלאנצען א וויינגארטען, אין אמת פארשטעהען מיר נישט פאר וואס אונזערע חכמים האבען בעטראכט די באשעפטיגונג פון פלאנצען א וויינגארטען פאר נידריג. ווען מיר זעהען אז בכלל איז וויין בא אידען זעהר חשוב, פיל מצות פון דער אידישער תורה זענען פארבינדען מיט וויין, קדוש היום שבת צו נאכט'ס אויף וויין, איז מן התורה, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען אויפ'ן פסוק, זכור את יום השבת לקדשו [2]) זכרהו על היין [3]), הבדלה איז אויך מן המבחר אויף וויין, ארבעה כסות פסח אויף דער נאכט איז יעדער איד מחויב צו טרינקען אין דוקא פון גוטען וויין, מן המובחר, אפילו א

1) מדרש מובא ברש"י במקומו. 2) שמות כ'. 3) ברכית כ"ו.

ארימאן וואס נעהט אין די הייזער, דארף פארקויפען זיין מלבוש אדער לייען אויף א משכון און קויפען ארבעה כסות [1] בענשען מזומן איז א מצוה אויף א כוס וויין, אין בית המקדש האט מען מנסך געווען וויין אויפ'ן מזבח, צוליב דעם חשובות פון וויין האבען אונזערע חכמים קובע געווען א בעזונדערע ברכה אויף איהם, בורא פרי הגפן [2] און מיר זעהען אויף וויפיל די דאזיגע משקה איז טאקי בעליבט בא אידען, ווען א קינד ווערט נאר א איד און מ'רופט איהם א אידישען נאמען טריפט איהם שוין דער מוהל אריין עטליכע טראפען וויין אין מיילעכעל ווען ער זאגט די ווער־טער, בדמיך חיי, און ווען דער מענש שטארבט און מ'איז איהם מטהר איז א מנהג איהם צו באשפריצען מיט וויין זאגענדי'ג דערביי דעם פסוק, וזרקתי עליכם מים טהורים, [3] פון דעם אלעמען זעהט זיך ארויס אז וויין איז נאר א חשובע משקה בא אידען, פאר וואסזשע האבען אונזערע חכמים בעטראכט פאר נידריג דאס וואס נח האט נעפלאנצט א וויינגארטען און די תורה האט דארויף מרמז געווען מיט'ן ווארט ויחל, פון לשון חולין פראסט, געמיין, מערער וואלט נעפאסט צו זא־גען דאס ווארט ויחל און זאגען דארויף שעשה עצמו חולין, אויפן ווארט, וישכר, ווייל שכרות איז באמת א געמיינע זאך, אבער ווי אזוי פאסט עס צו זאגען שעשה עצמו חולין אויף ויטע כרם, ווען דאס פלאנצען פון א וויינגארטען איז פאר זיך אליין זעהר א חשובע באשעפטיגונג ווייל דאס ברייננט ארויס דעם וויין אויף וועלכען דער פסוק זאגט, ויין ישמח לבב אנוש. [4]

אבער נאך מעהר וואונדערט אונז דער מאמר אין מדרש וואס ווערט נעבראכט צו דעם ענין פון נח'ס פלאנצען דעם וויינגארטען, דארויף דערציילט אונז דער מדרש [5] אז ס'איז צו איהם געקומען דער שטן און האט צו איהם געזאגט, נח ווילסט איך זאל מיט דיר זיין א שתוף צום פלאנ־צען דעם וויינגארטען ? יא — האט איהם נח געענפערט, באלד דארויף האט דער שטן נעבראכט א שאף און האט זי גשחטען אויפ'ן וויינשטאק, דער נאך א לייב און האט איהם געקוילעט און נאך דעם האט ער אויך געבראכט א חזיר און איהם געקוילעט אויפ'ן וויינשטאק. און ווענען וואס האט דאס דער שטן געטאן, כדי צו ווייזען נח'ן אז ווען א מענש טרינקט איין גלאז וויין ווערט ער באשיידען ווי א שאף, ווען ער טרינקט אבער מעהר ווערט ער שטארק ווי א לייב, ווען ער טרינקט נאך מעהר ווערט ער ווי א חזיר וואס וואלגערט זיך אין דער בלאטע, לויט עס ציינט אויס האט דער שטן געוואלט אב האלטען נח'ן ער זאל נישט פלאנצען דעם וויינגארטען מיט דעם ארגומענט. ווייל דער וויין וועט ברייננען מענטשען צו שכרות זיי זאלען זיך וואלגערען אין די בלאטעס איז האך די פראגע ווי קומט

1) שו"ע או"ח ס' תע"ב. 2) ברכות ל'. 3) מנהג מבוא בס' מעבור יבוק.
4) תהלים. 5) מדרש אבכיר, ילקוט נח רמז קל"ד.

עס צום שטן, וואס זיין גאנצע ארבייט איז, אראָב צו פירען די מענשען פון גוטען וועג און זיי צו ריידען צו אלדעס בייז, ווי קומט עס צו איהם אז גראד דא זאל ער ווערען אזוי גוט און פיין און וועלען פארמיידען נחין פון צו פלאנצען דעם וויינגארטען, דורך דעם ווייל דער ווין וועט מאכען די מענשען פאר שכורים, אדרבה, דאס וואלט דאך דער שטן בעדארפט וועלען, דאס וואלט דאך בעדארפט זיין דער גאנצער באנעהר זיינער ?

נור הערט רבותי, ווען מיר בעטראכטען די געשיכטע פון די גאנץ אלטע פעלקער זעהען מיר אז אין די אלטע צייטען אויב מענשען, האבען געזעהען פון איינעם א אויסערגעוועהנליכע גבורה אדער א אנדער אויסערארדענטליכע טהאט האבען זיי איהם געמאַכט פאר אַ גאט, און אזוי איז געוועהן נמרוד גערעכענט פאר א גאט, פרעה און נאך אנדערע זענען געוועז גאָטען, אין די אזיאַטישע האלב ווילדע לענדער ווערט נאך אין די לעצטע צייטען פאררעכענט דער קייזער פונ'ם לאַנד אלס א גאָט, און אזוי ארום זענען ענטשטאנדען פיל געטער אין אלטערטום עס איז געגוג אַ קוק צו טאָן אין די אַלטע רוימישע און גריקישע מיטאָ־לאגיען צו זעהען ווי אַזוי עס ווערט דארט בעשריבען דאס לעבען און ווירקען פון אנציילינע געטער פון די אַלטע צייטען.

אידען האבען קיינמאל נישט געגלויבט אין קיין מענשען גאט, משה רבינו וועלכער האט בעוויזען אַזוי פיל וואונדער, זאגט אויף איהם די תורה, וימת שם משה, וגו' ויקבור אותו בגי מול בית פעור, [1]) דערמיט ווייזט די אידישע תורה, אז סוף כל סוף איז משה געווען אַ מענש, אַ בשר ודם, און איז געשטאָרבען ווי יעדער מענש און ליגט אין זיין קבר אויפ'ן הר נבו, אונזערע הייליגע אבות האבען אויך נישט געוואלט אַז מ'זאל זיי מאַכען פאַר אַ גאָט, אזוי ווי מיר געפונען אַז יעקב אבינו האָט זיך געבעטען בײַ זיין זין יוסף, אל נא תקברנו במצרים [1]), זאָלסט מיך נישט בּאַערדען אין מצרים, און די חכמי המדרש געבען אן איינעם פון די אורזאכען וואס יעקב האט נישט געוואלט ליגען אין מצרים, כדי די מצרים זאלען איהם נישט מאַכען פאַר אָ אָבגאָט. [2])

נח, אויך ווען די תורה זאָגט, איש צדיק תמים, האט אויך געוואלט אויס־מיידען די דאָזיגע זאַך, ער האָט מורא געהאט אַז מענשען וואס וועלען הערען די וואונדער אַז ער איינער איז איבערגעבליבען פונ'ם מבול קאטאסטראפע און האט מיט דער תבה גערעטעט די באַשעפענישען פון דער ערד פון געגצליכען אונטער־גאנג, וועלען זיי איהם וועלען מאַכען פאַר א גאָט, אזוי ווי דער מנהג איז געווען אין די אַלטע צייטען, האט ער געזוכט צו טאן א זאַך דורך וועלכער ער זאל פאַר־לירען זיין פרעסטיזש אין די אויגען פון דער וועלט און מענשען זאָלען איהם נישט מעהר וועלען רעכנען פאר א גאָט, און זאָל פערבלייבען א פשוטער בשר

---

1) בראשית מ"ז. 2) מדרש רבה מובא ברש"י במקומו.

ורם. און ער האט צוליב דעם אנגעהויבען פלאַנצען א וויינגארטען ער זאל טרינקען וויין ביז צום שכרות און טאן א זעלכעס וואס פאסט פאר א שכור און ועט אזוי ארום דעסקרעדיטירט ווערען אין די אויגען פון די מענשען זיי זאָלען איהם נישט רעכענען פאַר א גאָט, און דאָס האבען טאקע אונזערע חכמים געמיינט צו זאגען אויפ'ן פסוק, ויחל נח איש האדמה ויטע כרם, שעשה עצמו חולין, אז נח האָט געמיינט דערמיט וואס ער האָט זיך באשעפטינט מיט פלאַנצען א וויינגאַרטען, ער זאל זיך דערמיט אליין מאכען פראָסט אז מענשען זאלען איהם נישט רעכנען פאר א גאָט.

איצט פארשטעהען מיר שוין אז דעם שטן האָט דאָס נישט געשמעקט, ווייל ער האָט געוואלט אז מענשען זאָלען דוקא יאָ מאכען נח'ן פאר א גאָט, און האט דאריבער געוואלט איהם אָבווענדען פון פלאַנצען דעם וויינגארטען און האָט איהם צוליב דעם פאַרגעשטעלט דאס שלעכטינקייט פונ'ם וויין, נח אָבער, אזוי ווי אלע פרומע לייט, האט דעם שטן נישט געפאָלגט און האט זיך געטאן זיין זאך מיך דער דערמאנטער כונה . . .

און נח, דערציילט אונז די תורה, האט געהאט דריי זין, שם חם און יפת, חם איז געוועז א גראבער נפש, אזעלכער וואס וויל נישט ארייַנדרינגען אין דער כונה פון יענעמס מעשים אזעלכער וואס אז ער זעהט פונם צווייטען א פעהלער קען ער איהם נישט דן זיין לכף זכות, מקיים צו זיין די רייד פון אונזערע חכמים והוה דן את כל האדם לכף זכות [1]) און אזוי ווי ער האט דערזעהען נח'ן שכור און א נאקעטען אין זיין געצעלט, איז ער באלד געלאפען און דערציילט זיינע צווייַ ברידער שם און יפת, חם האט געזעהען את ערות אביו, די שענדליכע טאהט פון זיין פאטער, אבער ער האט נישט געקענט מלמד זכות זיין אויף איהם צו געפונען מיט וואס צו צודעקען די שענדליכע טאהט זיינע, שם און יפת זענען אבער געווען א אנדער סארט מענשען, אזעלכע וואס אז זיי זעהען צו מאהל א פעהלער פון איינעם, זוכען זיי מיט וואס צו צודעקען דעם פעהלער און אזוי, האבען זיי זיך אויך באמיהעט צו געפונען די כונה וואס זייער פאטער, דער איש צדיק תמים, האט געהאט דערביי, צוליב וואס ער האט דאס געטאהן, און זיי האבען טאקע געטראפען זיין מיין, דערציילט אונז די תורה, ויקח שם ויפת את השמלה און חם ויפת האבען גענומען דאס ליילעך, עס שטעהט נישט ויקחו, און זיי האבען גענומען נאר ויקח לשון יחיד, ווייל ביידע ווי איין מענש האבען געטראפען די כונה פון זייער פאטער, ויכסו את ערות אביהם און האבען דערמיט פארדעקט די מאוסה טאהט פון זייער פאטער און די תורה דערציילט אונז ווייטער, ופניהם אחורנית, דאס הייסט זיי האבען געזוכט די פריינע סבה וועלכע האט זייער פאטער געבראכט צו דיזער מעשה

1) אבות פ"ב.

וערות אביהם לא ראו, אזוי אז זיי האָבען גאָר אין דעם גאַנצען ענין נישט גע־זעהען קיין שענדליכע זאך בא זייער פאטער, און די ענדע איז געוועהן אז, ויקץ נח מיינו, ווען נח האט זיך ערוואכט פון זיין וויין, וידע את אשר עשה לו בנו הקטן, און איז ערפאהרען וואס זיין קלענערער זין — דאס הייסט, נישט נור קלענער אין יאהרען, נור אויך קלענער און נידריגער אין שכל און אין כאַ־ראַקטער — האט איהם געטאהן, האט ער איהם געשאלטען, עבד עבדים יהיה לאחיו, ווערענד די איידעלע שם און יפת האט ער געבענשט און האָט געזאָגט, ברוך ה' אלקי שם וגו' יפת אלקים ליפת וישכון באהלי שם . . .

וואס לערנען מיר דערפון ?

פאַרהאַנען גראָבע מענשען מיט פערדארבענע כאראַקטערע, דער גלגול פון חם, וועלכע זענען נישט אומשטאַנד יענעם דן זיין לכף זכות, און ווען זיי זעהען פון איינעם א פעהלער ווילען זיי נישט אריינדרונגען אין יענעמס כונה וואס ער האט דע־בײ געהאט, און זעהען נאר דאס שענדליכע אין יענעמס מעשים, פונקט אזוי ווי חם האט געזעהען, את ערות אביו, דאגעגען איז אבער אויך פאַרהאַנען איידעלע מענשען מיט די נשמות פון שם און יפת, וועלכע פארשטעהען דן צו זיין יעדען לכף זכות, און ווען זיי זעהען אפילו פון איינעם א פעהלער בעמיהען זיי זיך אויסצוגעפונען יענעמס כונה וואס ער האט דאבײ געהאַט און זיי זענען מקיים וואס אונזערע חכמים האבען געזאגט: אם ראית תלמיד חכם שעבר עברה בלילה אל תהרהר אחריו ביום [1] אזעלכע איידעלע נשמות קענען נישט זעהען יענעמס פעהלער פונקט אזוי ווי שם ויפת, וואס די תורה זאגט אויף זיי, וערות אביהם לא ראו.

אזעלכע פאַרשווינען מיט די נשמות פון שם און יפת איז בא אונז אידען געווען פיל אין פריערינען דור, אידען האבען זיך ליב געהאט, און ווען מ'האט אפילו געזעהען איינעם טאן א פעהלער האט מען געזוכט צו פאַרדעקען דעם פעהלער און מלמד זכות זיין. איצט זענען מענשען שלעכט געוואָרען, איינער האט פיינט דעם צווייטען, און בא אונז אידען האבען זיך שוין אויך פארמעהרט א זעלכע וואס האָבען אין זיך די נשמה פון חם, זיי קענען קיין גוטס נישט זעהען איינער באם צווייטען, און דאס ברייגנט אויף אונז אָן בערג מיט צרות ר"ל. שוין די העכסטע צייט עס זאל אויף הערען שנאה און האס צווישען אידען עס זאל מקוים ווערן בא אונז, יהי' שלום בחילך, שלוה בארמנותיך למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך אמן.

---

1) ברכות י"ט.

# לקוטים ממבחר הדרושי

## על הפסוקים ומאמרי חז״ל והענינים הנזכרים בהדרשות הקודמות

## נ ח

### לדרוש א.

א) ותמנע היתה פלגש לאליפז בן עשו (בראשית ל״ו) ובדה״י א לו. נחשבה בין בני אליפז ובין בני שעיר ? ולכן כתב רש״י דהיא היתה ממזרת בת אליפז מאשת שעיר ואח״כ היתה לו לאשה ובזה מיושב מה דאיתא בגמרא (סנהדרין צ״ט) היא (תמנע) בעי לאיגיורי באתה אצל אברהם וכו׳ ולא קבלוה. דקשה מפני מה לא קבלוה אברהם הלא הרבה נפשות נייר כמ״ש ואת הנפש אשר עשו בחרן אבל לפי האמור ניחא, כי היתה ממזרת וכתיב, ממזר לא יבא בקהל ה׳ [1].

ב) שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד (דברים ו׳) לא די שכל אחד מישראל יחשוב בלבבו שה׳ אלקינו ה׳ אחד, כי החוב על כל אחד לאמור לחברו, שמע ישראל, ודע, כי ה׳ אלקינו ה׳ אחד [2]

ג) א״י. כנודע ה׳ הוא רחמים ואלקים הוא דין, וצריך האדם להאמין דכל מה דעביד רחמנא לטב עביד, וגם כשהשי״ת מתנהג עמו במדת הדין התכלית הוא ג״כ רחמים, וזה, שמע ישראל, צריך אתה לשמוע ולהבין, כי ה׳ אלקינו בין מדת הרחמים בין מדת הדין, ה׳ אחד, הכל הוא ברחמים ואם ככה אתה תבין אז ואהבת את ״ה׳ אלקיך״ תאהוב אותו בין כשיתנהג עמך במדת הרחמים בין כשיתנהג עמך במדת הדין. [3]

ד) אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו (בראשית ו) יש לדייק במלת איש שהיא כמיותרת כי לכאורה היה די לכתוב נח צדיק תמים הי׳, אכן הכתוב בא לרמז פה מה שאמרו חז״ל עה״כ, אשרי איש ירא ה׳, איש ולא אשה ? א״ר עמרם אמר רב אשרי מי שעושה תשובה כשהוא איש (ע״ז י״ט) פירוש כשהוא בחור ומהיר להכיר את בוראו קודם ימי הזקנה, ובזהר איתא מפני שיבה תקום ר״ל תקום לשוב לבוראך קודם ימי השיבה, ובזה יש לפרש גם סיומא דקרא

1) הרי״ף. 2) מצאתי. 3) הגאון ה״ק הח״ס זצ״ל.

והדרת פני זקן עפ״י מ״ש ז״ל שהצדיקים היו אומרים, אשרי ילדותינו שלא ביישה את זקנותינו (סוכה נ״ג) וכשהוא שב לה׳ קודם ימי השיבה אז הזקנה לו הוד והדר בלא בושה וכלימה, ולזה רמזה התורה גם אצל נח, שהיה „איש״ צדיק תמים, כי מנעוריו בהיותו עוד איש וכח עלומים לו הי׳ צדיק וישר, וברש״י עה״כ ומשה עלה על אלקים, כל עליותיו היו בהשכמה, וכ׳ מא״ד ע״ד הצחות, כי כל עליותיו שנתעלה מרע״ה והתקדש ליוצרו לא הי׳ לפנות ערב בימי הירידה רק בהשכמה באביב חלדו, ורוב תענוגות בני אדם בהיכל המלך לא הטו את לבבו מאחרי ה׳ וכן איתא בזהר שמות כי מיום שנולד משה לא זז רוה״ק ממנו ובעודנו בטל ילדותו לא ינק מן המצריות. [1]

ה) ומזה תוכחת מגולה לאנשים רבים שבימי נעוריהם הם הולכים אחרי שרירות לבם הרע, ורק כשיגיעו לימי הזקנה ואין עוד בכחם למלא תאותם, יתחילו לשקוד על דלתי בית הכנסת יום יום נושאים עיניהם למרום ושוכחים את מעשיהם מקודם ולא עוד אלא שנעשים למוכיחים ולמוצאי עולות וחסרונות במעשי זולתם ונעשים יהודים יפים, אנשים כאלה אינם במדרגת בעלי תשובה אמתים ועליהם אמרו רז״ל במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד (ברכות ז׳.) מפני הסרחון של מעשיהם הקודמים [2]

ו) התהלך לפני והיה תמים (בראשית י״ז) פירש״י במצות מילה, כנודע מצות מילה היא היסוד של האומה הישראלית, כי בזה נבדלת מכל העמים שאין להם חותם אות ב״ק כי כל האותות כמו שבת ומועדי ה׳ ותפלין וציצית אפשר לפורקי עול להסיר מעליהם משא״כ מצות מילה, וגדולה היא מצות מילה שע״י יוכל האדם להגיע למדרגה גבוה מאד לחזות פני ה׳ מה שאין הערל יוכל להגיע לזה, ודורשי רשימות מצאו רמז לזה, כי מילה ר״ת מי יעלה לנו השמים וחכמי הסוד אמרו כי באדם יש האותיות של השם, הויה והוא צלם אלקים והמילה מורה על אות היוד של השם, וו״ש הקב״ה לאברהם, התהלך לפני, במצות מילה, והיה, הם האותיות של שם הויה, יהי׳ אז, תמים, כי המילה תשלים אות היוד של השם הויה. [3]

ז) תמים תהיה עם ה׳ אלקיך (דברים י״ח) אם יש לאדם טובה רבה ואינו הולך בדרכי ה׳, אז האדם הוא בשלוה אבל השי״ת הוא בצער כמ״ש, בשעה שאין ישראל עושין רצונו של מקום הם מתישין כחו של מעלה ואם האדם הוא עני וסובל דחקות ובכל זאת הוא שומר תורה ומצוה, הנה להשי״ת יש נחת ממנו, אבל האדם הוא בצער, ולכן אמרה התורה — תמים תהי׳ עם ה׳ אלקיך ר״ל שיהי׳ נחת גם לך גם להבורא וזה יתכן רק כשהי״ת ישפיע לאדם עושר וכבוד לא יסיר מן הדרך הטוב. [4]

ח) סוף דבר הכל נשמע את אלקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם

---

1) הרה״ג ר׳ צבי הירש פערבער לונדאן. 2) ד״ע. 3) מצאתי. 4) ד״ע.

(קהלת י״ב) בכל מעשי המצות צרוכים לשנים, לעשות המצוה בפועל וגם במחשבה כי מצות צריכות כונה, וכל האומר כי די במחשבה לחוד, או שעושה המצוה בפועל ולבו בל עמו הוא כחצי אדם וז״ש, סוף דבר הכל נשמע, את אלקים ירא בכונה טהורה ואת מצותיו שמור לעשותם בפועל, כי זה, שמקיים הכונה והמעשה כל׳ האדם הוא אדם שלם ולא חצי אדם. [1])

ט) סוף דבר הכל נשמע את אלקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם (קהלת י״ב) כאמור למד אותנו החכם מכל אדם בדבריו אלה, כי על האדם להיות גם סור מרע גם עשה טוב, וחכמי המוסר הורו לנו מזה כי האדם צריך להיות דוקא תחילה סור מרע ואח״כ עשה טוב כמו שאמר שלמה בראשונה, את אלקים ירא, זה סור מרע ואח״כ ואת מצותיו שמור זה עשה טוב, כי אם יחליף האדם את השיטה ויקיים המצות כ״ז שלא נפטר מחטאיו הרי זה כזורע אל הקוצים, כי העיקר הוא סור מרע ואח״כ עשה טוב, ובזה מובן מה שמצינו לפעמים אדם שמסגל מצות ומע״ט ואח״כ יוצא לתרבות רעה, משום שעשה המצות בעת שהי׳ לו חטאים ובזה יש לפרש הכתוב, בנים ובנות תוליד ולא יהי׳ לך כי ילכו בשבי, ע״פי דברי האלשיך עה״כ וילדו לו בנים ובנות כי המ״ע שאדם מקיים נקראים בנים והלא תעשה נקראו בנות ולזה אמר הקרא, בנים ובנות תוליד, היינו אם תהי׳ קודם בבחינת עשה טוב ואח״כ סור מרע, ולא יהיו לך כי ילכו בשבי שהסט״א גוזלים אותם, ויש בזה למצא רמז במה שאמרו רז״ל בת תחילה אם האדם הוא תחילה סור מרע סימן יפה לבנים הם המצות ומע״ט שיתקיימו אצלו וז״ש הכתוב, וירא ה׳ וינאץ מכעס בניו ובנותיו (דברים ל״ב) שהחליפו השיטה כי עשו הטוב טרם סרו מרע ובזה הראו כי דור תהפוכות המה בנים לא אמון בם [2]).

י) עתה שמע בקולי איעצך ויה׳ אלקים עמך (שמות י״ח) כשאמר יתרו למשה איעצך, הי׳ קשה בעיני עצמו, הלא משה בודאי חכם גדול ממני ואיך ירהיב הקטן ליתן עצה למי שגדול ממנו בחכמה, לזה אמר לו ויהי׳ אלקים עמך ובזה רמז לו למשה שאל יקשה לו עליו שיתן לו עצה, כי גם הקב״ה נטל עצה מן המלאכים בשעה שאמר נעשה אדם ואמרו ח״זל למדה תורה דרך ארץ שיהי׳ הגדול נמלך בקטן . . . [3])

יא) ואתן צאן מרעיתי אדם אתם (יחזקאל ל״ב) וברז״ל אדם אתם, אתם קרוין אדם ואין אומות העולם קרוין אדם (יבמות ס״א) המאמר הזה היה לקוץ מכאיב ולסילון ממאיר בעיני שונאי ישראל אויבי התלמוד. וגם רבים ממשכילי ישראל נכשלו בו יען לא עצרו כח להבינו על בוריו ולירד לעומק כונת חכמינו ז״ל, והאמינו שהדברים כפשוטם שחכמינו בעלי התלמוד לא חשבו בני עמים אחרים לבני אדם

1) הרה״ג ר׳ מיכל הלוי הורוויץ. 2) הגה״ק ר׳ שמואל גינצלער ז״ל. 3) הגה״ק ר׳ אברהם דוב מאווריטש ז״ל אבד״ק זשיטאמיר ומג״ב בעיה״ק צפת.

ולכן ראוי להרחיב מעט הדבור בזה.

ראשית כל עלינו לדעת כי לפי האמת, המאמר, אתם קרוין אדם ואין אוה״ע קרוין אדם הוא רק מאמר אגדה ולהלכה אינו כן והראיה ממשנה (כלאים פ״ח מ״ו) ואדם מותר עם כולם למשוך לחרוש ולהנהיג ונודע לדינא שגם הנכרי מותר לחרוש, למשוך ולהנהיג עם כל מיני הבהמות ואין בהם משום כלאים.

ואמנם הדן דין אמת והשופט בשכל ישר ומי שיש לו חיך לטעום נועם מליצות חכמינו ז״ל יודע כי המאמר, אין אומות העולם קרוין אדם, אינו בא להוציא את הנכרי מכלל אדם באופן שמותר לשפוך את דמו או לעבוד בו עבודת פרך בלי משכורת כמו עם בהמה, רק הוא מליצה הבאה למעטו רק מן המעלה העודפת שיש לישראל על שאר האומות כקבלת התורה ושמירת מצותיה וכדומה שעי״ז קרוים אדם המעלה ודנמאות כאלה אנו מוצאים במליצות חז״ל הרבה, כמו מי שאין לו אשה, מי שאין לו קרקע אינו קרוי אדם (יבמות ס״ג) היעלה על הדעת, שלדעת חז״ל מי שאין לו אשה או קרקע איננו אדם באופן הפשוט? הלא כל בעל שכל יבין שהוא רק מליצה והכונה, להוציאו מן המדרגה של הרוב מבני אדם שיש להם נשים וקרקעות [1]

יב) ויש עוד למצא רעיון נכון בהמאמר הנ״ל. כי הנה ההבדל שבין ישראל לבין אומות העולם הוא גם בזה, שאצלם אין שום ערך לחיי האדם הפרטי במקום שנוגע לקיום המדינה ואשר העם, ובשעה שדרוש לצאת למלחמה לקראת האויב ולהגן על ארץ המולדת, הנה שום איש לא יוכל לפטור את עצמו מן המלחמה באיזה אמתלא שתהי׳, היתכן שיבא איש בשעה שמת־יעין על המלחמה ויאמר, נשאתי אשה חדשה, או בניתי בית חדש או נטעתי כרם ולא אוכל לצאת לצבא, לא כן בעם ישראל, עפ״י תורת ישראל יש לכל אדם פרטי חשובות וערך גם בשעה שנוגע לעניני קיום המדינה, כמו שמצינו בפירש בתורה, ודברו השוטרים אל העם וגו׳ מי האיש אשר ארש אשה וגו׳ ילך וישיב לביתו (דברים כ) ולזה כיונו רז״ל אתם קרוין אדם. אצליכם יש חשיבות וערך גם לאדם פרטי והייו יקרים אפילו במקום שנוגע לקיום האומה ואשר העם ואין אוה״ע קרוין אדם, כי אצלם אין שום השיבות וערך לאדם פרטי כלפי העם כלו [2]

יג) וראוי להביא פה הכונה בפירש״י (פרשה פנחס) שמביא בשם ר׳ משה הדרשן עה״כ, כי אתם המעט מכל העמים, ה׳ מעט, כי דעת התוס׳ על מה שאמרו חז״ל ואין אומות העולם קרוין אדם, כי „האדם״ נקרא גם אוה״ע, א״כ אנחנו נקראים אדם והם נקראים האדם, ואז אנחנו מעט ה. מהם. [3]

---

1) מצאתי. 2) הגאון ר׳ בצלאל זאב שאפראן ז״ל. ועיין בספרי תורת הנפש חלק ראשון חוברת א׳ שהארכתי בזה בדברים נאותים. 3) הנה״ק ר׳ שמואל גינצלער ז״ל אבד״ק אויבערווישע.

יד) ואתה תחזה וגו׳ והיה כל הדבר הגדול יביאו אליך וכל הדבר הקטן ישפטו הם וגו׳. ויבחר משה אנשי חיל וגו׳ ושפטו את העם בכל עת את הדבר הקשה יביאו אל משה וכל הדבר הקטן ישפטו הם (שמות י״ח) וקשה, יתרו אמר, כל הדבר הגדול יביאו אליך ואח״כ כתיב ואת הדבר הקשה יביאו אל משה?, וי״ל יען שיתרו הי׳ גוי והי׳ רגיל בנימוסיהם אשר אצלם העיקר אם הדבר נוגע לסכום גדול אז יציעו הענין לפני שופט גדול אבל אם הדבר נוגע לסכום קטן הגם שהענין הוא קשה לברר האמת עכ״ז יביאו הדבר לפני השופט הקטן, ע״כ נתן לו עצה, והיה הדבר ״הגדול״ יביאו אליך, העיקר שיהי׳ הדבר גדול סכום רב. אמנם אצלנו במשפטי ישראל העיקר היא אם הענין קשה לבררו יביאו לפני השופט הגדול כי אצלינו דין פרוטה כדין מאה, וע״כ כתיב ואת הדבר ״הקשה״ יביאון אל משה [1])

---

1) הרה״ג ר׳ אשר אנשיל יהודה מיללער.

# נ ח·

## לדרוש ב.

א) וירא חם אבי כנען את ערות אביו ויגד לשני אחיו בחוץ (בראשית ט׳) יש להבין למה תספר התורה כאן כי חם הי׳ אבי כנען, מה בצע לנו לדעת זאת? אולם כשנתבונן בדבר נראה כי התורה רצתה בזה להבליט פחיתת ערכו של חם ושפלת נפשו, כי הנסיון יורנו שיש בנים שובבים שלא ידעו להוקיר ולהכיר את הטובות אשר גמלו אבותיהם עמהם ואין מחלקים להם הכבוד הראוי, אבל כל זה הוא רק בעוד שהם עצמם אינם עוד אבות לבנים, אבל כשיולדו להם בנים ורואים את הטרדות והיגיעות שיש להם עם בניהם, אז יתעוררו לכבד את אבותיהם, כי ע״י העמל שיש להם עם בניהם הם, יזכרו ויעלו על דעתם את התעמולות שהיה לאבותיהם עמהם, אבל חם היה כ״כ פחות ערך, שגם בהיותו אב לבנים לא התעורר בו הרגש לכבד את אביו, ולזה ספרה התורה כאן, וירא חם אבי כנען את ערות אביו, ר״ל אף שהיה אז אב לבנים בכ״ז לא התעורר בו הרגש של כבוד אב, וראה את ערות אביו ויגד לשני אחיו בחוץ [1])

ב) זכור את יום השבת לקדשו (שמות כ׳) ואמרו הז״ל זכרהו על היין (פסחים ק״ו) ולכאורה קשה מנ״ל שעל היין? ונ״ל משום דיין מסוגל לזכרון כמ״ש וזכרו כיין לבנון, וא״כ מדכתיב זכור את יום השבת לקדשו, בודאי זכרהו על היין שמביא לידי זכרון [2]) ונ״ל דלכן תקנו נ״כ הד׳ כוסות על היין, כי גם בי״מ כתיב למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים [3]) ולדעתי זהו המקור מה שאמר רבא (מגילה ז׳) חייב אנוש לבסומא בפוריא משום שפורים הוא ענין מחית עמלק וגם שם נאמר, זכור את אשר עשה לך עמלק [4])

ג) וראוי להביא פה מה שמצאתי הטעם לכוסו של אליהו בליל פסח. כי הארבעה כוסות הם כנגד הד׳ לשונות של גאולת מצרים והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי, והגאולה העתידה רמוזה בפסוק, והבאתי אתכם אל הארץ, ויען שהגאולה העתידה תהי׳ ע״י אליהו נקרא הכוס הזה שמרמז על הגאולה העתידה כוסו של אליהו [5])

---

1) ד״ע. 2) הגאון חת״ס ז״ל פ׳ צו. 3) הרה״ג ר׳ אשר אנשיל יהודא מיללער 4) ד״ע. 5) הגאון ר׳ מרדכי בנעט ז״ל.

ובדברנו בשבח היין הנני להעתיק מה שכתבתי בענין זה בספרי תורת הנפש חלק ראשון חוברת ב׳ צד 80—74.

כידוע היו המדינים העתיקים עם של שכורים, גם היונים הקדמונים, שתו לשכרה, אבל מהלו את יינם עם שני חלקים מים, ורק על שמחות שתו יין חי וחזק, אבל ג״כ מעורב עם מעט מים; ביון העתיקה בחרו תמיד את „שר המשקים" שעליו היה להחליט על ערך השמחה כמה מים לצקת אל היין, גם היהודים אהבו כוס יין כאשר ישבו עוד „איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו" ביחוד הצטיינו „שכורי אפרים" באהבתם העזה ליין. ראה (ל. חיים, די אמאלינע טרינקערס. איד. נאזעטען שנת 1920).

והנה גם היהודים לא שתו יין נקי, ומצינו בגמרא (ברכות נ.) אין מברכין על היין עד שיתן לתוכו מים, ואבא שאול הסתכל בעצמותיו של מתים וראה כי מי ששתה (בחייו) יין חי (בלתי מעורב במים) עצמותיו שרופים, ומי ששתה יין מזוג (מהול במים) עצמותיו חזקים וראה זה פלא דאפילו השמרים של היין אין להם דין יין נסך אם לא נתן עליהם מים, כן כתבו התוס׳ (בפי׳ ר׳ ישמאל בשם ר״ת) דלא מקרי דורדייא אלא כשנתן עליהם מים וראה (קהלת יעקב ח״ב מענה לשון אות ד׳ ס׳ קפ״ו) ובגמרא (ע״ז י״ח) כי אתא רב דימא, אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה, רבוש״ע, ערבים עלי דברי דודך יותר מיינה של תורה, פירש״י ז״ל, עיקר תורה שבכתב, וראה (עץ יוסף שם) כי תורה שבכתב נדמה להיין כי כמו שהיין אינו ראוי לשתיה בלתי מים ככה התורה שבכתב מעומק המושג שלה א״א להשינה בלתי מימי התורה שבע״פ ויש יסוד גדול בהחיים המוסרים של היהודים מה שלא הותר להם לשתות יין חי בלתי מעורב במים, כי הנה טבע היין להחם את הלבבות ולהביא את האדם לידי התלהבות יתירה עד אשר לפעמים יפרוץ את הגבול שגבלו הראשונים בעלי דעת ומיושבי השכל וכמו שאמרו (עירבון ס״ה) נכנס יין יצא סוד, ושוב: אדם ניכר בכוסו (שם) וטבע המים לקרר ולצנן את חומו של אדם ולהביא אותו למדת מתינות ורגיל בפי ההמון: הרוצה להזהר בדבריו, ימלא פיו מים, אולם מסגילת המים גם לקרר את האדם עד שיבא לידי קפאון גמור עד שיאבד הרגשותיו החמות לפיכך טוב ויפה למזוג את אלה ביחד לשתף את השכל הקר ואת ההגיון הישר עם הלב החם והסוער ועם הרגש הנעלה והנשגב השואף למרחקים ולגדולות ומזיוג שניהם תצא תולדה טובה אשר תהיה לברכה. ראה (ר׳ משה נאכט, מדרש משה צד של״א).

ובאמת הוא היין משקה חשובה מאד מעולם אצל היהודים, במקרא מצינו שהיין משמח אלקים ואנשים (שופטים ט.) ושלמה אמר תנו יין למרי נפש (משלי ל״א) יעקב בברכתו את בניו מזכירו לשבח (בראשית מ״ט) וראה (בראשית רבה פס״ג) יאהב יצחק את עשיו כי ציד בפיו, קופרא טבא לפימיה בסא טבא לפימיה. גם

חכמי התלמוד והמדרש הכירו חשיבות היין ואמרו שהתורה נמשלה ליין (תענית ז.) וראה (במדבר רבה פי"ג) תירה משולה ליין, יין עולה שבעים כך יש ע' פנים לתורה. ולכן מי שמצער עצמו מן היין נקרא חוטא (נדרים י') ואחד מן החכמים הגדולים אמר שהיין והבשמים הועילו לחכמתו (יומא ע"א) ולכן כל בית שלא נשפך בו יין כמים אין בו סימן ברכה (עירובין ס"ה) ומטעם זה נהגי' לשפוך מכוס יין של הבדלה מעט על הארץ לסימן טוב (הרמ"א), לפי השקפת חכמי התלמוד נחשב היין לאחד ממיני המזון הנחוצים לחיי האדם, ואסרו עבור זה לאסוף אוצרות יין כדי ליקר את השער (ב"ב צ.) וראה (שבת קכ"ט) מאי צרכי סעודה? וכו' שמואל אמר יין, לדעת רז"ל היין הוא רפואה לחלאים רבים, למחלת הלב, העינים וחולי מעיים ראה (שבת י"ב) ומי שרגיל לשתית יין יש לו גוף חזק (ברכות נ"א) וראה (שבת ס"ב) בריש כל אסון אנא חמרא *) וראה (שם ס"ז) שר"ע אמר על כוס וכוס חמרא וחיי לפום רבנן ותלמידהון. ביותר נחשב יין ישן. יוסף שלח ליעקב יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו (מגילה ט"ז) וראה (שיר רבה פ"א) מה יין זה כ"ז שהוא מתישן בקנקן הרי זה משובח, כך ד"ת כל זמן שהן מתישנין על אדם הם יותר טובים.

כנראה אהבו בני גליל ביותר יין ישן, כן פירש ר' חנינא בר פפא שהיה מצוי בחברת חכמי הגליל את הפסוק האוכלים למעדנים גלוסקין והמר עתיק, ור' יהושע בן לוי אחר שמנה מיני יינית מתהיל מן ההר שהוא לפי פירש רבי סימון קונדיטין (ירושלמי תרומות פ"ח) וראה (ירושלמי יבמות) מאי קרא? וחכך כיין הטוב. בן נזירא אמר, כהדין דשתי קונדיטין ר' יצחק אמר כהדין דשתי חמר עתיק, אע"ג דשתי ליה טעמא בפומי', וכל החכמים האלה היו בני גליל והיין המבושם המכונה ביונית וברומית קונדיטין בפיהם, ראה (בר טוביה, רבי שמעון בן נזירא הדאר שנת תרפ"ה גליון ל"ו) כן היתה נודעת העיר עסיא או אסיא ביינה המתוק עיין (שבת ק"ט, ע"ז ל.) וראה (שיר ערך מלין ע. אסיא. הירשענזאהן שבע חכמות חלק א' במחקרי ארץ אות ע' צד קס"ז).

לדעת חכמינו ז"ל הרגיל ביין יש לו שכל טוב (הוריות י"ג) היין מחכים ופותח את הפה לדבר דברי חכמה וכשבאו יהודה וחזקיה אל המשתה לרבי, נתן

*) החכם פראפ. נ. זעליקאוויטש ביאר מאמר הז"ל הנ"ל בריש כל אסון אנא חמרא, באתר דלית חמר תמן מתבעי סמנים. בדרך צחות. החכם הזה חי בסוף ימיו באמעריקא במקום שאסרו שתיית היין ורק ע"פי פקודת רופא יוכל האדם למצא יין בבית המרקחת בתור סמי רפואה, וזה באתר דלית חמר, במקום שאי אפשר למצא יין לשתיה, תמן מתבעי סמנים, הולכים לבית המרקחת ולוקחים היין בתור סמי מרפא. ונודע שמרבים העם לשתות סמי־מרפא במדה גדולה כי כולם חולים אצל יין וביד כל אחד פקידות־רופא רבות ושותים כאוות נפשם כי אין חכמה ואין עצה נגד שותי יין — אפילו במדינות ארצות הברית שאיסר שתיית היין עמד בתוקף עז.

להם יין הרבה כדי שיוכלו לדבר דברי חכמה (סנהדרין ל״ה) ומענין הוא מה שסיפר אחד הרבנים מנכדי הגאון הצדיק ר׳ מנהם מענדיל מליבאוויץ זצ״ל שזקנו היה מלמד את החסידים שישתו ולא ישתכרו וזקנו הנ״ל היה יכול זה, שכמה שהיה שותה לא היה היין מאבד דעתו ואדרבה המוחין הי׳ אז בתכלית הגדלות, והי׳ אומר אז ד״ת עד למרבה, ופעם אחת היה חתונה בליבאוויץ אצל ש״ב והיה שם גם רבינו ושתה הרבה מאוד ואמר ד״ת הרבה מאד (בית רבי ח״ג עמוד ד׳ הערה ב׳) ומספרים על הבעש״ט שאמר פעם לבעה״ב אחד שהתאכסן אצלו: הלא יינך טוב למה כוסך קטן? והשיב לו הבעה״ב כי סכנה לשתות כוס גדול ואמר הבעש״ט, אין אני מתירא מזה, ראה (שבחי בעש״ט צד 55 וצד 107).

ומפני שלפי השקפת ר״זל היין מחכים השתמשו בשם זה לכנות בו את האיש שהוא חכם גדול. וקראו אותו בשם חמרא, וכנגדו כנו האיש שאינו גדול כ״כ במעלת החכמה בשם חומץ, ראה (חולין ק״ו) אנא בהא מלתא כחלא בר חמרא לגבי אבא וכו׳ ובכלל היו נוהגין לציין את הראשונים בשם יין ואת האחרונים בשם חומץ (ס״מ פ״נ) וראה (מאיר כהאן ביסטריץ, ביעור טיט היין צד 33).

כאמור חשבו חכמי התלמוד את היין בין הדברים הנחוצים לחיי האדם, ובפרט למי שרגיל בו, וכשספרו למר עוקבא כי העני שמאסף עבורו בכל שבוע כסף לצרכי שבת, שותה יין ישן, השיב לא ידעתי מזה, ועתה כשנודע לי דבר זה, נחוץ ליתן לו יותר כפי שנתתי לי עד היום (כתובות ס״ז) ומטעם זה למדו ר״זל מן הכתוב, לא תעבוד בו עבודת עבד שלא ישתה האדון יין ישן והעבד יין חדש. ראה (קדושין כ״ט).

ויען שהיין היה חשוב בעיני חכמי התלמוד, מצינו שרבים מן החכמים סחרו ביין ראה (ב״מ פ״ג) וראה (ברכות ד) רב הונא תקיפי לי ד׳ מאות דני דחמרא וכו׳. וגם אביי התעסק במסחר היין (שם נ״ו).

ומפני חשובתו של היין יתענגו הצדיקים לע״ל עם היין המשומר מש״ב (בראשית רבה פל״ד) וראה (מדרש הנעלם פ׳ ת״ד״ת) א״ר יוסי יין המשומר בענביו מששת ימי בראשית, אלו דברים עתיקים שלא נגלו לאדם מיום שנברא העולם ועתידין להגלות לצדיקים לע״ל, ואצל המקובלים היין על שמרים הוא סוד החכמה דערך אנפין שבו מתלבש הגבורה דעתיק, וכתב החיים שהחכמה הוא דין רק שהדין הוא נכפה לשם וה״ס שאמרו בזהר, מוחא דשקיט ויתבי ושכיך כחמר טוב על דורדיא. ראה (עץ חיים שער א״א פ״ז) ובימות המשיח יתן הגפן את פריו בשפע גדול, כמ״ש אוסרי לגפן עירו ולשרקה בני אתונו כבס ביין לבשו ובדם ענבים סותה (בראשית מ״ט) ראה רש״י שם, נתנבא על ארץ יהודה שתה׳ מושכת יין כמעין, איש יהודי יאסור לגפן עיר אחד ויטענו ומשורק אחד בן אתון וראה

(כתובות קי"א) שמגפן אחד יוציאו לא פחות משלשים גרבי יין. וגם אדם הראשון כשהיה בגן עדן מלה"ש היו מסננין לו יין (סנהדרין נ"ט).

ור"זל אמרו בריש כל מרעין אנא דם ובריש כל אסוון אנא חמר (שבת ס"ב) כתוב בקבלה אשר שם אהי' ברבוע בגימ' דם (אדמו"ר מלאדי לקוטי תורה פ' פקודי) ושם אהי' בבינה, דמינה דינין מתערין וזה בריש כל מרעין אנא דם והמתקה משם הוי', דשם הוי' הוא בחכמה כמ"ש ד' בחכמה וגו'. ובאשר נצרף הגימטריא דשם הוי' לדם הוא בגימ' יין, כ"ו עם מ"ד בגימ' ע' וזהו בריש כל אסוון אנא חמר (הצדיק ר' אהרן מקידניו, זכר צדיק ע' ח').

ואמנם לא רק שתית היין במדה ובמשורה אך גם שתיה מרובה ואפילו עד לשכרה לא היה רע בעיני חכמי התלמוד, ולדעתם מי שרגיל בזה ממציאים לו מן השמים לשתות, ראה (רבה ויקרא פי"ב) וראה (כתובות ס"ז) בההוא עני שבא לפני רבא וביקש ממנו שיתן לו בשר שמן ויין ישן, ולרבא לא היה לו אז ליתן לו בשר ויין והעני התעקש ולא רצה לקבל מרבא מה שנתן לו עד שבאה אחותו של רבא שלא ראה אותה תליסר שנה והביאה לו תרנגולת פטומה ויין ישן—ורבא קרא אז בהתפעלות כי הוא רואה בחוש איך השי"ת מזמין לשכור את יינו.

ומפני זה למדו זכות על השכור ואמרו אולי להפיג דאגתו שתי, ראה (כ"מ ס"ו) ויש לזה מבא גם בהלכה, כגון שלוה על משכון והמשכון שוה יותר מן ההלואה וכשהגיע יום הפדיה והיתה בזה אסמכתא, ואם היה שותה משקה דעת ר"א מדיפתא דלא קני המשכון ויכול עדיין לפרוע וליטול המשכון ששוה יותר דלהפיג דאגתו שתי ראה (הרב מנחם הכהן ראזיקאוו, מתורת צבי יוסף תשובה תנ"ז צד 156).

ומפני חשובתו של היין קבעו ברכה לעצמו לפנ"ו ולאחריו וייחדו לקדוש ולהבדלה ולסעודת מצוה, אצל שבע ברכות בסעודת נשיאון ארבעה כסות לפסח לשתות בסעודת פורים. ואין אומרים שירה אלא על היין (ברכות ל"ה) כגון זריקת דמים ונסוך המים (שם [1]). בנחום אבלים תקנו לשתות עשרה כסות, ואח"כ הוסיפו עוד ארבעה כוסות ואחרי כן עוד ארבעה. ואמנם מאותו היום שהתינוק היהודי נכנס לבריתו של אברהם אבינו והמוהל נוטף טפה של יין על דמו השפוך ואומר .בדמיך חיי' עד יום האחרון לחייו, היין לו לסמל של אהבה לאלהים ולאנשים. ואין שמחה בלא יין. ברית מילה, פדיון הבן, בר מצוה, אירוסין, חתונה, שבת, יום־טוב —כולם יתקדשו ביין (ספיוואק, אין שכרות לישראל, קרית ספר שנה ב. חוברת ד. צד 279) ואפילו אחר שמת היהודי אחרי טהרתו מזלפין יין על ראשו ואומרים הפסוקים. מעין גנים באר מים חיים ונוזלים מן לבנון וגו' ראשו כתם פז קוצותיו תלתלים שחורות כעורב, כן מזלפין על עינו ואומרים הפסוק עיניו כיונים וגו' על

1) אמנם מצינו שירה גם בלא יין וכגון הלל שבשחיטת קרבן פסח (תוס' שם דה"מ אין) ועיין (תוס' זבחים ו' דה"מ והלא) דאין אלא לאו דוקא.

לחייו ואומרים : לחייו בערוגת הבושם וגו' על ידיו ואומרים ידיו גלילי זהב וגו' על שוקיו ואומרים שוקיו עמודי שש וגו' (מעבר יעבוק מחלקה רביעית סדר טהרת המת והזילוף).

וכששאלו לבן זכאי באיזה זכות האריך ימים, השיב רק בעבור שלא חסר לקדש על היין. פעם לא היה לו כסף לקנות יין על קדוש ומכרה זקנתו את כובעה והביאה לו יין, ובשכר זה כשמתה הניחה נ' מאת גרבי יין. וכשמת בן זכאי הניח ב' אלפים גרבי יין (מגילה כ"ז) ובא וראה שהשכר שקבעו להעוסקים בצרכי צבור באמונה נותנים גם לאלה שנותנים יין לקדוש ולהבדלה, ועומדים בשורה אחת עם אלה שנותנים פת לאורחים וצדקה לעניים. ואמנם מפני חשובותו הגדולה של היין ההזיק הנפן את עצמו למיוחס גרול. ובא בטענה שלא יתלו עליו את המן, ונתן טעם לדבריו שהוא נותן יין לנסכים (תרגום שני).

כאמור גם שתיה מרובה של יין לא נחשב אצל היהודים לחסרון, והרוצה לנסך יין ע"ג המזבח ,ימלא' גרונם של ת"ח יין (יומא ע"א) ואשת חבר כחבר לענין זה ראה (יו"ד ס' רנ"א סעיף ט') כשחרב בית המקדש רצו רבים לגזור על עצמם שלא לשתות יין, בטענה, שמן היין הביאו נסכים ע"ג המזבח ועתה המזבח הרוס ומחאו ע"ז החכמים ואמרו, אם כן נגזר שלא נאכל לחם מפני שממנו הקריבו מנחות על המזבח והוא הרוס כעת (ב"ב ס') מפני חשיבתו של היין אצל היהודים נצמח שהעמים השכנים של היהודים חשדו אותם שאלהי ישראל הוא בכחוס אלול השכרות אצל היונים, ופלוטארך התאמץ להוכיח זאת באותות ובמופתים רבים, ראה (מיזעס. העמים העתיקים וישראל צר 93-92-20) ואמנם אצל היונים והרומים היה האליל דיונסוס הממונה על היין אלהי כל הצמחים והפרחים והיה מושל על כח המפרה והמרבה כל היקים בהבל, ראה (ספר סגילת הצמחים, ובאוצ"הש ערך גפן).

החשובות של היין לא פסקה אצל היהודים במדה ידוע גם בהימים המאוחרים גם בזמן הרמב"ם הורגלו לשיר שירי תהלה על היין ראה (פירש המשניות להרמב"ם סנהדרין) ומצינו שירי־תהלה רבים להיין בהדיוואן של ר' יהודה הלוי ראה (אוי"ע. יין) וגם היום אומרים לחיים רק על כוס יין, וראה שההמירה התורה כמה חומרות באכילה, ואלו לגבי שתיה אין אנו מוציאים אף איסור אחד, תאמר : יין נסך ?—הרי איסור זה אינו איסור ראשון ומקורי אלא תולדה של איסור אחר, איננו אב איסור אלא תולדה בלבד ראה (ר' משה נאכט, מדרש משה צר רפ"ז).

כאמור היו בזמן הנביאים ובזמן התלמוד שכורים בישראל, כנראה מכמה פסוקים בתנ"ך ומאמרי חז"ל, אבל במשך הגלות הארוך גם שונאינו מודים ואומרים, כי אין שכורים לישראל, ומדוע ? האין יצר הרע לישראל ? יש ויש בנו יצר הרע, אבל היצר טוב גוברה, השקת החיים ומלחמת החיים בסביבה

המלאה שנאה, קנאה רציחה והרג הם למדו אותנו לנטות אחרי היצר טוב, הם חזקו רוחנו ואמצו לבנו לשתות יין ולא להשתכר, לו הלכו היהודים במשך גלותם אחרי היצר הרע כהגוים אשר היו בתוכם ומספר שכורי ישראל היה כמספר שכורי הגוים אז כלנו אבדנו ולא נשאר לנו שריד ופליט, הסככות היא היא שעמדו לנו..

ד) וימת שם משה עבד ה' בארץ מואב וגו' ויקבור אותו בגי בארץ מואב מול בית פעור ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה (דברים ל"ד) צריך להבין למה האריכה התורה כ"כ לכתוב ולא ידע איש את קבורתו. ולא קצרה בלשונה לאמור ולא נודע קברו? לכן נראה שתורתנו הקדושה רמזה לנו בזה רעיון מוסרי יקר מאד, וזה מה שאמרו ז"ל, רגלוהי דבר איניש אינון ערבין ביה לאת־ דמיתבעי תמן מובילין יתיה (סוכה נ"ג) כי עינינו הרואות ששום אדם אינו בטוח במקום קבורתו אפילו זה שקנה בחייו מקום בבית הקברות שבעירו איננו בטוח ששם יקובר שיוכל היות בעת שעדין הוא חזק ובריא ולא יעלה על דעתו כי ימיו ספורים ואז יסע לרגלי איזה מסחר לעיר אחרת ופתאום יבא המות בהלונו וימות שם וימצא שם מקום קבורתו, וע"כ אמרו הז"ל, ליבעי איניש רחמי אפילו עד זיבולא בתרייתא שלמא (ברכות ה'.) וכל זה למדנו ממשה רבינו ע"ה, כי משה רבינו שכל מטרתו הוה להכנים את ישראל לארץ ישראל, לבנות להם את בית הבחורה וגופו היה קדוש וטהור, עכ"ז נקבר בארץ מואב ולא זכה להיות נקבר בארץ יש־אל, מזה ילמוד כל אדם שאם משה רבינו לא זכה להקבר בארץ ישראל כש"כ שמכוסה מכל אדם מקום קבורתו, וז"ש התורה, וימת שם משה וגו' ויקבור אותו בגי בארץ מואב מול בית פעור, מזה יבין, כל אחד כי, לא ידע איש את קבורתו עד היום הזה, ששום אדם לא ידע מקום קבורתו, כי מקום הקבורה מכוסה מכל אדם [1])

ה) ויקבור אותו בגי בארץ מואב מול בית פעור (דברים ל"ד) פירש"י ז"ל קברו היה מוכן מששת ימי בראשית לכפר על מעשה פעור, וזה אחד מן הדברים שנבראו ע"ש בין השמשות, וקשה לאיזה צורך כתב רש"י שקברו הי' מוכן מששת ימי בראשית, ולכאורה לא הוי לי, למכתב רק, מול בית פעור, לכפר על מעשה פעור כמבואר במס' (סוטה י"ד) ונראה להבין דברי רש"י ז"ל עפ"י מאמרם ז"ל שאל פרוקלוס בן פלוספוס את ר"ג בעכו שהיה רוחץ במרחץ של אפרודיטי כתיב בתורתכם, לא ידבק בידך מאומה מן החרם, מפני מה אתה רוחץ במרחץ של אפרודיטי? א"ל אין משיבין במרחץ, וכשיצא א"ל אני לא באתי בגבולה היא באה בגבולי, שהמרחץ קודם להע"ז. (ע"ז מ"ד) וזה כונת רש"י דקשה ליה האיך נקבר משה רבינו ע"ה אצל הע"ז בית פעור, לכן פירש קברו הו' מוכן שם מששת י"ב, נמצא דהוא לא בא בגבולה, רק הע"ז באה בגבולו [2])

ו) ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה (דברים ל"ד) בגמרא (סוטה י"ד)

---

1) בשם גדול אחד. 2) בשם גאון אחד.

וכבר שלחה מלכות הרשעה אצל נסטרא של בית פעור, הראוני היכן משה קבור עמדו למעלה, נרמה להם למטה, למטה נדמה להם למעלה, נחלקו לשתי כתות, לאותן העומדין למעלה נדמה להם למטה לאותן העומדים למטה נדמה להם למעלה, לקיים מה שנאמר, ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה ע״כ. במאמר זה צפון רעיון יקר, כי אם נתבונן במהלך הסתריתנו נראה כי לשונאי ישראל הי׳ דעות ושיטות שונות איך לאבדנו ולכלותנו ח״ו, יש שאחזו בשיטת אלה הצוררים שאמרו כי רק ע״י הלחץ והדחק ע״י מה שישללו מאתנו זכות אדם ודמנו יהי׳ הפקר לכל ישינו את מטרתם לכלות אותנו, ויש שאחזו בשיטה אחרת לתת לנו כל הזכיות ולהעלותנו על מרום פסגת ההצלחה שעי״ז נתערב בגוים ונלמד ממעשיהם עד אשר נתבולל עמהם וימחה שם ישראל מן האדמה, אבל הנסיון הורנו שאלה כמו אלה טעו בחשבונם, לא ע״י קשוי הגלות ולא ע״י רבוי הזכיות יעלה בידי שונאי ישראל להפיק זממם לעשות עמנו כלה. כי הסוד הזה האיך ובמה לעשות כלה עם ישראל הוא סוד כמוס לא נודע לשום עם ולשון, וזה שספרו לנו חז״ל במאמר הנזכר, כי מלכות הרשעה, שכל מגמתה היתה לכחד שם ישראל שלחה אצל המושל של בית פעור שהיה רשע כמוהו ורצה גם הוא לכחד שם ישראל, להתיעץ עמו היכן משה קבור, ר״ל איפא הוא הקבר שם עם ישראל המכונה בשם משה ונחלקו בדעותיהם יש, שאמרו להעלות את עם ישראל על פסגת ההצלחה ולתת לו חופש גמור ולהעניקו בכל זכיות המדינה ובאופן זה יכחד שם ישראל כי יתבולל בין העמים, וזה הוא קברו, אבל אלה שעמדו למעלה נדמה להם שהוא למטה, כי יותר טוב להפיק זממם ולכחד שם ישראל הוא להורידם למטה לגזור עליהם גזירות קשות ולקפח פרנסתם, ואלה שאחזו בשיטה זה וימררו חיי עם ישראל, נדמה להם כי לא זה הדרך לכחד שם ישראל רק יותר טוב היא השיטה האחרת להעלותם מעלה מעלה ונדמה להם שהקבר של עם ישראל הוא למעלה כי אז יתערבו ויתבוללו בגוים ויכחד שמם ח״ו, וכשנחלקו לשתי כתות ר״ל שאחזו בשתי השיטות האמורות, ראו ג״כ שטעו בחשבונם כי אלה שעמדו למעלה שאחזו בהשיטה הראשונה, נדמה להם שקברו של עם ישראל הוא דוקא למטה, עפ״י השיטה השניה יוכלו לכחד שם ישראל, ואלה שאחזו בהשיטה השניה נדמה להם שקברו של עם ישראל הוא למעלה, וכן נוכחו כל העמים כי אין עצה ואין תבונה נגד רצון ה׳ הרוצה בקיומה של אומה זו ולא רצה לגלות הסוד איך יוכלו לכחד שם ישראל, וזה שסיימו, לקיים מה שנאמר, ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה, כי זה הוא סוד כמוס ונעלם ושום עם ולשון לא ידע איך ובאיזה אופן יעלה בידם לכחד שארית ישראל [1].

---

1) הרעיון בעיקרו מצאתי.

# ל ך.

## א.

## טעמא: אברהם אבינו, זיין מיסיאן, די מיסיאן פונ׳ם אידישען פאלק, די דאפעלטע שטרעבונג פון אידען.

דער העלד פון היינטיגער סדרה איז אונזער פאטער אברהם, מיט וועלכען דאס גאנצע אידישע פאלק שטאלצירט. צו איז דען נאך פארהאן א פאלק אויפ׳ן גאנצען ערד קוגעל וועלכעס זאל קענען אנווייזען אויף זיין שטאם פאטער פון צוריק מיט אריבער פיר טויזענד יאהר אזוי ווי אידען קענען דאס טאן? מיר זענען דאס איינציגע פאלק וועלכעס איז קאמפעטענט צו צייגען ווער אונזער ערשטער פאטער און אונזער ערשטע מוטער זענען געוועהן, אזוי ווי דער נביא זאגט שמעו אלי רודפי צדק מבקשי ה׳ הביטו אל צור חצבתם ואל מקבת בור נקרתם, הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם כי אחד קראתיו ואהבהו וארבהו [1])

ווען לארד ביקאנספעלד איז א מאל געזעסן אין ענגלישען פארלאמענט, און א אנטיסימיטישער מיניסטער האט געמ׳ינט איהם צו באליידעגען מיט׳ן ווארט זשיף, איד, האט זיך ביקאנספעלד אויף געהויבען און האט מיט א פעסטער שטימע געזאגט אין דער אנוועזענהייט פון אלע מיניסטארען, איך וויים נישט ווער עס דארף זיך שעהמען, צו זאל זיך שעהמען דער וואס איז א קינד פון א פאלק וועלכעס קען אנוו׳יזען זיין יחוס ביז צוריק מיט פיר טויזענד יאהר און איז אומשטאנד צו צייגען ווער זיין ערשטער טאטע איז זיין ערשטע מאמע איז געווען, צו זאל זיך שעהמען דער וואס איז א קינד פון א פאלק וואס ערשט צוריק מיט איינינע הונדערט יאהר זענען זיינע זיידעס און עלטער זיידעס געווען האלב ווילדע מענשען, און האבן געפאשעט חזרים אין די ווילדע סטעפעם....

יא רבותי, מיר אידען מעגען שטאלצירען מיט אונזער שטאם פאטער אברהם וועלכער איז געווען דער ערשטער וואס האט געהאט דעם מוט, צו ווייזען דער וועלט אז זי לעבט אין דער פינסטערניס, אונזער שטאם פאטער אברהם איז געווען דער ערשטער וועלכער האט פראקלאמירט די אמת׳ע אמונה, דעם אמת׳ן איינציגען גאט, אין א צייט ווען די גאנצע מענשהייט האט געזינקען אין שמוץ פון געצענ־

1) ישעי׳ נ״א.

דינסט, און א צייט ווען מענשען זענען געווען אזוי פארנארישט און האבען געגלויבט אין העלצער און שטיינער, געדינט צו ביינער און בוימער און צו אנדערע פיל נארישקייטען.

אמת. אונזער פאטער אברהם, האט טייער באצאלט פאר זיין פראפאגאנדירען דעם אמת, ער האט געקריגען פיל שונאים וועלכע עס האט נישט געלוינט די אמתע אמונה, אזעלכע וואס עס האט זיי בעסער קאנווענירט אז מענשען זאלען גלויבען אין די נארישע אבגעטער, און האבען דאריבער גערודפט אונזער אלטען פאטער ביז השי"ת האט איהם געמוזט זאגען לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך [1]) ווייל נמרוד מיט זיינע מענשען האבן איהם געוואלט אומברייננגען, האט איהם השי"ת געזאגט, ער זאל אוועק פון זיין געבורט א"ט און וואנדערען אין דער וועלט ביז ער וועט קומען אין דעם לאנד וואס ער וועט איהם ווייזען.

ווען איך בין געוועהן א קליין יונגעלע אין דער רבי האט מיט מיר געלערענט חומש, און האט מיר איינגעטיישט דעם פסוק לך לך, אז גאט האט געזאגט צו אברהם'ן ער זאל אוועק פון זיין געבורטס שטאט ווייל זיינע שונאים האבען איהם געוואלט אומברי־נגען, האב איך איהם באלד אבגעשטעלט, אזוי ווי מיין שטי־נער איז געווען, זיך נישט לאזען נארען, און האב איהם א פרעג געטאן, רבי, דער גאט ווענענס נאמען אברהם האט מפורסם געמאכט, האט נישט געקענט מאכען אז זיינע שונאים זאלען איהם גאר נישט קענען טאהן, פונקט אזוי ווי ער האט איהם מציל געווען פון דעם ב־ענענדיגען קאלעך אויווען וואס נמרוד האט איהם אריין געווארפען, נישט ער זאל דארפען וואנדערען, האט דען השי"ת, ווענענס נאמען אברהם האט בעוואוסט געמאכט אויף דער וועלט, נישט געקענט אויספירען אז אברהם זאל זיך זיצען רוהיג אין זיין היים און זיינע שונאים זאלען איהם גאר נישט קענען טאן, פאר וואס האט ער איהם געהייסען וואנדערען, איבערהויפט, לויט אונזערע חכמים זאגען איז דער נסיון פון לך לך געווען דער שווערסטער פון אלע צעהן נסיונות מיט וועלכע אברהם איז געפריווט געווארען ? [2])

דער רבי האט דאמעלס, געדענק איך, אויפמערקזאם אויסגעהערט מיין פראגע און האט מיר מיט א ליבליכען שמייכעל געענפערט, מיין קינד, ביזט נאך צו יונג און דיין מה'לע איז נאך נישט רייף צו בעגרייפען דעם תירוץ צו דיזער פראגע ווען די וועסט עלטער ווערען און וועסט אריין אין דער גרויסער און ברייטער וועלט וועלען דיר אזעלכע פראגען אליין פארענפערט ווערן. די צייט וועט דיר ברייגנען תירוצים אויף פיל אזעלכע פראגען.

1) בראשית י"ב. 2) לדעת הרמב"ם ז"ל היה זה הנסיון הראשון והקשה מכולם. ע' פירוש הגר"א ז"ל על אבות פ"ה מ"ד שמביא בשם פדר"א כי נסיון לך לך הי' הנסיון השלישי אולם בילקוט במקומו איתא. אמר הקב"ה נסיון ראשון ונסיון אחרון איני למנסה אותך אלא בלשון הזה, לך לך מארצך, לך לך אל ארץ המוריה.

שפעטער מיט יאהרען ווען איך בין שוין גרויס געווארען איז מיר אריינגע־פאלען אין האנד א ספר אין וועלכען איך האב געפונען פאלגענדע געשיכטע, אין לאמזא איז געווען רב דער בעוואוסטער גאון רבי משה יהושע ליב דיסקין, וועלכער איז סוף ימיו געווען רב אין ירושלים, ר' משה יהושע ליב דיסקין איז געווען א עקסטרעם פרומער איד, און האט אין זיינע דרשות געזאגט פײערדיגען מוסר זיינע שטאדט לייט, אזוי ווי אין יעדער שטאט, האט זיך אין לאמזא אויך געפונען עטליכע בריונים, עזי פנים שבדור, וועלכע האבען נישט געקענט ליידען דעם רב'ס מוסר און זענען איהם געווארען שרעקליכע געגנערס און האבען איהם גערודפט אהן א עק, אויף א מאל האט זיך געטראפען אז דער בעוואוסטער גאון און חכם ר' ישראל סלאנטער איז געקומען ווענען א וויכטיגען ענין קיין לאמזא. זענען צו איהם געקומען דעם רב'ס געגנער און האבען איהם געזאגט, רבי, אזוי ווי מיר האבען געהערט אז א הויך וואס איהר זענט א גרויסער גאון, זענט איהר אויך א גרויסער חכם אין וועלט זאכען, ווילען מיר פון אייך, אז איהר זאלט אויסווירקען בא אונזער רב ער זאל בא אונז נעמען א געוויסע סומע געלד און זאל זיך פון דאנען אוועק פאהרען, מיר וועלען געפונען א רב נאך אונזער פערלאנג, און ער וועט געפונען א שטאט וועלכע וועט זיין צופרידען פון איהם.

—פאר וואס ווילט איהר אז אייער רב זאל פון אייך אוועק פאהרען ?—האט ר' ישראל סלאנטער געפרעגט, די בעלי בתים. — ווייל ער איז צו פרום פאר אונז, — האבען זיי געענטפערט, ער זאגט אונז צו שארפען מוסר. רבי ישראל סלאנטער האט זיי אויסגעהערט און נאך א פאר מינוטין נאך דענקען האט ער צו זיי געזאגט, הערט אויס מיינע הערען, איך האב מיך אזוי בארעכענט, עס קען זיין אז איך וואלט פועלן ביי ר' משה יהושע ליב ער זאל אייער שטאט פערלאזן, איך ווייס אבער אויף זיכער אז פיל הונדערטער אידען פון לאמזע וועלען וויינען און ס'וועט זיי באנק טאן וואס זיי האבען פערלױרען אזא רב ווי ר' משה יהושע ליב. איז מיר איינגעפאלען א בעסערע עצה, אויב איר ווילט זיך באכת פטור'ן פון אייער רב, זאלט איהר בעסער פאר די עטליכע טויזענד רובעל וואס איהר ווילט איהם געבען, דינגען א פאר ווענען זיך אויף זעצען מיט אייער'ע ווייבער און קינדער און אייער גאנצע בעל בתישקייט און אוועק פאהרען אין א אנדער שטאט, וועט זיין אזוי, אז איהר וועט זיך האבען געפטרט פון אייער רב און איך שווער אייך צו אז ס'וועט נישט זיין איין איד אין לאמזא, וואס עס זאל איהם באנק טאן נאך אייך . . .

נאך דער דאזיגע געשיכטע איז מיר נעקומען אופ'ן מח די מעשה מיט יענעם שונא ישראל וואס האט באגעגענט א קלוגען איד און איהם געזאגט, די וועלט האלט דיך פאר זעהר א קלוגען מענש, געב מיר, איך בעט דיך, א עצה, ווי אזוי

איך זאל פטור ווערן פון אלע אידען אויף איין מאל, איך האב א עצה פון דיינעט ווענן, האט איהם דער איד געענפערט. קויף א שטריק מיט א שטיק זייף און גיה ארויף אויפ'ן בוידעם און הענג דיך אויף, וועסטו אין איין פירטעל שעה פטור ווערן פון אלע אידען . . .

דאמעלס איז מיר הערשט פארשטארקערט געווארן די פראגע וואס איך האב געפרעגט מיין רבי'ן ווען איך בין געוועהן א קליין יונגעלע, דאס זעלבע האט דאך אויך געקענט זיין מיט נמרוד'ן און אלע זיינע מענשען וועלכע האבען גערודפ'ט אברהם'ן פאר דעם וואס ער פראפאגאנדירט די אמונה אין איינציגען גאט, השי"ת האט גע־קענט מאכען אז זיי, די שונאים פון אברהם'ן, זאלן מוזען אנקלויפן און אברהם זאל זיך זוצען רוהיג אויף זיין פלאץ און פארזעצען זיין היילינגע ארבייט, פאר וואס האט נאָר השי"ת געזאגט צו אברהם'ן לך לך? . . .

טראכטענדיג טיפער אין דיזען ענין האב איך געפונען א מדרש וועלכער האט מיר פארענפערט די דאזיגע פראגע. אמר ר' ברכיה למה הדבר דומה לצלוחית של הפופיליסמון מוקפת צמיד פתיל ומנחת בקרן זויות ולא היה ריחו נודף כיון שהתחילו לטלטלו היה ריחו נודף, כך אמר הקב"ה לאברהם אבינו טלטל עצמך ממקום למקום ושמי מתגדל בעולם [1].

ר' ברכיה זאגט, די זאך איז געגלייכען צו א פלעשאלע פארפום וועלכעס איז געוועזן פארשטעקט און געלעגען אין א ווינקאלע, און דער ריח האט זיך נישט געפיהלט, אז מען האט עס האבער אנגעהויבען ארום צו טראגען האט זיך איבעראל דערפילט דער פיינער ריח, לויט השבון האט ר' ברכיה געפונען דעם ריכטיגען שליסעל צו דער דערמאנטער פראגע, וועלכע פארענפערט די אורזאכע פון אברהם אבינו'ס וואנדערען און נע ונד זיין אויף דער וועלט, השי"ת האט איבערגעגעבן אונ־זער פאטער אברהם די מיסיאן, ער זאל עפענען די דאמעלסדיגע נארישע מענש־הייט די אויגען און זאל זיי לערנען די אמת'ע אמונה אין איינציגען גאט, און צו דיזען צוועק האט ער איהם געהייסען וואנדערען אויף דער וועלט און האט איהם געזאגט לך לך כדי ער זאל פארשפרייטען די ריכטיגע אמונה אבירא.

דער מיט ווערט אונז פארענפערט זעהר א שווערע פראגע וועלכע פיל חוקרים מאטערען זיך זי צו לעזען, היתכן, איז דען דאס אידישע פאלק זינדיגער און שלעכטער פון אלע פעלקער פון דער וועלט, יעדעס פאלק זיצט זיך אויף זיין באדען, האט זיך זיין לאנד, זיין קעניג, זיין מיליטער און שיצט זיינע אינערליכע און אויסערליכע אינטערעסען, און דאס אידישע פאלק פראוועט שוין איבער אכצען הונדערט יאהר אזא פינצטערען גלות, צו זייעט און צו שפרייט אויף אלע עקען פון דער וועלט, און האבען נאך נישט זוכה געוועהן צו קומען אל המנוחה ואל

1) מדרש במקומו.

הנחלה, זיבצען מיליאן אידען ליידען שאנד און שפאט און זייערע מענשען רעכטע ווערן געטרעטען מיט די פיס פון אלע פעלקער און פילען דעם טעם פונ'ם ביטערן גלות, מיר זעהען פעלקער וואס שטעהען אויף א פיל נידריגערע מדרגה פון מענשהייט און מאראל, מיר זעהען נאציאנען וואס האבען א פיל גרעסערן פראצענט רוצחים, גנבים, נואפים, אין אלע מינים פערדארבענהייטען ווי אידען, פון דעסטוועגן איז זיך יעדעס פאלק בעל הבית ביי זיך אין דער היים און בא אידען איז מקוים געווארן די קללה וואס נח האט געשאלטען זיין זין חם, עבד עבדים יהיה לאחיו, אידען שטעהען דאך סוף כל סוף אויף א העכערע מדרגה פון מאראל און מענשליכקייט, פון פיל אנדערע פעלקער, אזוי ווי מיר זאגן, סרנו ממצותיך וממשפטיך הטובים ולא שוה לנו,[1]) דאס הייסט, אמת, רבונו של עולם, מיר האבען נעזונדיגט א קענן דיר מיר האבען אבגעקערט פון דיינע מצות און גוטע משפטים פונדאסטוועגען, ולא שוה לנו, איז דאך נישטו קיין גלייכען צו אונז צווישען אנדערע פעלקער. פארוואזשע לייד דאס אידישע פאלק מעהר פון אלע פעלקער פון דער גארער וועלט. און פראוועט שוין באלד צוויי טויזענד יאהר שווערן גלות ?...

דער תירוץ אויף דיזער שווערער פראגע איז אבער, אז מיר אידען האבען איבערגענומען די מיסיאן פון אונזער פאטער אברהם, פונקט ווי אברהם אין זיין צייט האט בעדארפט זיין נע ונד און וואנדערען אויף דער וועלט צוליב צו עפנען די מענשהייט די אויגען זיי זאלען נישט גלויבען אין שטומע און טויטע אבגעטער, נור אין דעם איינציגען לעבעדיגען באשעפער, אזוי האט דאס אידישע פאלק איבערגענומען די זעלבע מיסיאן צו פארשפרייטען די אמת'ע אמונה צו דערהויבען דעם מאראל און די גערעכטיגקייט, צו פארשפרייטען צדק ויושר איבער דער וועלט און אזוי ווי אונזער פאטער אברהם האט צוליב דעם געפראוועט די סדרה לך לך, אזוי לערענט דאס אידישע פאלק בכלל צוליב דעם זעלבען צוועק די זעלבע סדרה לך לך.

אמת, אידען האבען זעהר טייער באצאלט פאר דיזער מיסיאן, טייכען אידיש בלוט זענען פארגאסען געווא־ן, טויזענדער אידישע קערפער האבען לעבעדיגע געצאפעלט אין די פלאמען פייער פון די אויטא־דע פעא'ען, פילע אידישע פרויען קערפער האבען זיך געראנגעלט מיט'ן טויט צווישען די כוואלעס פון די טייכען און וועלכע זיי האבען זיך אליין אריינגעווארפען, כדי זיי זאלען נישט געשענדעט און געפייניגט ווערן אין די הענד פון זייערע ברוטאלע און ווילדע פייניגער, דאס אלעס האט אבער נישט אבגעשטעלט דאס אידישע פאלק פון זיין הייליגע מיסיאן וועלכע איז איהם איבערגעגעבען געווארן פון די געטליכע השגחה, דאס אידישע פאלק האט געוואוסט אז עס ליידעט פאר א הויכען אידיאל, און האט מקבל געוועהן

---

1) בתפילת תחנון.

באהבה די אלע יסורים און צומאל אליין אויסגעשטרעקט דעם האלז געשאכטען צו ווערען דורך זיינע שונאים . . .

אז דאס אידישע פאלק טראגט אויף זיך די מיסיאן פון זייער ערשטען פאטער אברהם, זענען אלע מודה, און קיינער צווייפעלט נישט אין דעם, די אמונה אין דער דאזינע מיסיאן פונ'ם אידישען פאלק האט אבער געפירט דערצו אז פיל פון אונזערע אידען האבען צוליב דעם אויפגעהערט צו גלויבען אין די ווידער אויפלעבונג פונ'ם אידישען פאלק. פיל האבען דורך דעם אנגעהויבען צו לייקענען אין דער גאולה פון דער אידישע נאציאן, א סך פון די אידישע רעפארמער האבען געזאגט : אויב דער גאנצער תכלית פונ'ם אידישען גלות איז נור צו דערהויבען דעם מאראל, דעם יושר און צדק פון דער וועלט און זיי לערנען די אמת'ע אמונה, איז אויב דאס אידישע פאלק וועט א מאל דערגרייכען איהר ציל, און אלע מענשען פון דער וועלט וועלען דערגרייכען די הויכסטע מדרגה פון יושר און גערעכטיגקייט וועלן די אידן האבען ערפילט זייער מיסיאן צו וועלכע זיי זענען בעשטימט געווארען אין זייער ראל האט זיך געענדיגט און דארפען נישט מעהר עקסיסטירען אלס א בעזונדער פאלק און מענען זיך אסימילירען און אויסמישען מיט אנדערע פעלקער, צוליב דעם האבען די רעפארמער וועלכע האבען אין ענדע פארינגן יארהונדערט געגלויבט אינם פראגרעס פון דער מענשהייט, און די שיין פון דער ציוויליזאציע האט זיי פארבלענדעט די אויגען צו גלויבען אז די מענשהייט האט שוין באלד דערגרייכט דעם ציל פון יושר און צדק, אנגעהויבען צו רעפארמירען די אידישע רעליגיע, ארויס געווארפען יעדער תפילה וואס איז נוגע צו ציון און ירושלים פונ'ם סדור'ל אין פונ'ם מחזור'ל, פארוואנדעלט דעם שבת אויף זינטאג, אנגענומען פיל נאטעסדינסטליכע מנהגים פון אנדערע פעלקער, געבויעט טעמפלען נאכ'ן סטיל און מאדעל פון די קריסטליכע קירכען און געדאַווענט אויסגעמישט מעגער מיט פרויען און נאך אזעלכע העגליכע מנהגים, מיט דער כונה אליין וואס מעהר צו דערנעהענטערען זיך און אויסמישען מיט די אנדערע פעלקער.

דער אמת איז אבער אז, אונזער שטרעבונג דארף זיין א דאפעלטע, פון איין זייט האבען מיר צו דערפולען די זעלבע מיסיאן פון אונזער פאטריארכאלישען פאטער אברהם, צו דערהויבען דעם מוסר און מאראל, דעם יושר און צדק פון דער מענשהייט, זייענדיג צוליב דעם מפוזר ומפורד בין העמים, און פון דער צווייטער זייט מוזען מיר אויך שטרעבען צו אונזער ווידער אויפלעבונג אלס א בעזונדער פאלק אונ'ם לאנד פון אונזערע אבות, מיט אונזער איינענע קולטור, און איינענע שפראך, די שפראך פון אונזער תורה און אונזערע נביאים. ווייל אונזער עקסיסטענץ אלס א איינענארטיג פאלק איז געזיכערט אינ'ם מויל פון היילינען נביא אין נאמען פון גאט, אזוי ווי דער פסיק זאגט, קלארע דבורים

אני ה׳ לא שניתי ואתם בני ישראל לא כליתם [1]) אזוי ווי די נאטהייט ווערט נישט געענדערט אזוי איז די אייבינע עקסיסטענץ פונ׳ם אידישען פאלק, אלס בני ישראל געזיכערט . . .

נאך דעם דאוינען אמת שווימט אבער ארויף א אנדער פראגע. ווען מיר זעהען דעם געבראכענעם מאראל פון דער מענשהייט אין אונזער צייט, טראץ דעם געוואלדיגען פראגרעס פון די וויסענשאפט, ווען מיר זעהען אז טראץ דעם גרויסען פארטשריט פון דער טעכניק, כעמי און אנדערע נאטור וויסענשאפטען פונ׳ם צוואנצינסטען יאהרהונדערט, איז דער מאראל פון די מענשען שרעקליך געזונקען, און מענשען עסען זיך אויף לעבעדיגערהייט נאך פיל ערגער פון די ווילדעסטע חיות, נאך מעהר, מיר זעהען אז די אלע וואונדערבארע ערפינדונגען פון אונזער יאהרהונדערט זענען געבויט מיט איין ציל, וואס מעהר און ווי שנעלער אומצובריינגען מענשען און חרוב מאכען לענדער, וואס גרעסערע טייכען אונשולדיג מענשענבלוט צו פארגיסען [2]) פרעגט זיך א פראגע, ווער איז שולדיג אין דעם געבראכענעם מאראל פון דער מענשהייט, ווער איז שולדיג אין דעם וואס דאס אידישע פאלק האט נאך נישט געענדיגט איהר מיסיאן ארויף צו בריינגען די מענשהייט אויף דער הויכסטער מדרגה פון מאראל און אומאניטעט, ווער איז שולדיג אין דעם וואס די מענשהייט האט נאך נישט דערגרייכט צום יושר און צדק וואס אונזערע נביאים האבען פראפעצייעט אויף אחרית הימים. צו זענען אין דעם שולדיג די פעלקער דערמיט וואס זיי זענען נישט קיין געהארכזאמע תלמידים, צו זענען מיר אידען שולדיג אין דעם ווייל מיר פאלגען נישט אויס פינקטליך אונזער מיסיאן, און מיר טוען נישט בשלמות אונזער א־בעט צו וועלכער די געטליכע השגחה האט אונז בעשטימט?

אויף דיזער פראגע מוזען מיר אידען מודה זיין על האמת און צו געבען אז אין א געוויסער מאס, זענען מיר אויך שולדיג דארינען וואס די מענשהייט האט נאך נישט דערגרייכט דעם הויכסטען גראד פון יושר און מאראל . . .

---

1) מלאכי ג.

2) דא פאסט זעהר דער משל פון באוואוסטען אידישען פאבוליסט, דר. ש עטינגער. פון וועלכען מיר געבען דא איבער א אויסצוג.

אויף א סעודה באם לייב דעם מלך
איז א מאל געוועהן זעהר פריילעך
אלע חיות זענען ארום געזעסען
און האבען געטרונקען, געגעסען.
דער פוקס איז געבליבען שטעהען
און האט אויסגערופען זעהר שעהן
ווער איז דא צווישען אונז

וואס קען נאר עפים א קונץ
צו דער עלפאנט צו די מויז,
זאל זי אצינד ווייזען ארויס . . .
דעם וועט דער לייב א מתנה שענקען
און איהם אויף תמיד געדענקען . . .
דאס הערשעל האט שהען געשפרינגען,
דאס קאנאריקעל האט שעהן געזינגען,

## לך

נור כדרך הדרשנים מיז איך מקדים זיין א פאר הקדמות, די תורה זאגט אונז, דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב, ויתן ה׳ את חן העם הזה בעיני מצרים [1]) נאט האט געזאגט צו משה ער זאל ריידען אין די אויערען פונ׳ם פאלק — ישראל — אז זיי זאלען לייען יעדער מאן פון זיין חבר—דעם מצרי — און יעדע פרוי פון איהר הברת׳ע—די מצריתע — זילבערנע און גאלדענע כלים, און השי״ת האט נעגעבען חן דעם דאזיגען פאלק — די אידען — אין די אויגען פון די מצריים. דיזער פסוק איז איינענטליך זעהר שווער צום פארשטעהען, ערשטענס וואס האט השי״ת גראד דא געהייסען משה׳ן ריידען אין די אויערען פונ׳ם פאלק, פאר וואס האט ער נישט געזאגט צו משה׳ן, אזוי ווי ער האט איהם געזאגט מערערע מאל, דבר אל בני ישראל, אידער דבר אל העם ? נאך מערער איז נישט צום פארשטעהען, וואס די תורה רופט דא אן די מצריים רע, חבר, נאך דעם וואס זיי האבען אזוי ביטער געפייניגט די אידען, געארבייט מיט זיי בחומר ובלבנים, און די אלע מורא׳דיגע גזרות פון פרעה מלך מצרים ווי : אם בן הוא והמיתן אותו [2]) כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו [3]) וכדומה, רופט זיי די תורה אן רע, חבר. דאריבער מוזען מיר דעם דאזיגען פסוק גאנץ אנדערש פארשטעהען . . .

---

דאס אינטעל איז געגאַנגען
אויף צוויי פיס,
דער פאַפּאַניי האט געגעבען א שמועס..
ווען עס איז שוין גאנץ שטיל געווען
האט מען פלוצלינג פון ווייטען דערזעהן
א מאלפע שעהן אויסגעפיצט
קומט צו לויפען שטארק דערהיצט
און האלט אין לאפּקאלע א ביקס
און ניט א גרויסען געשריי צום פוקס :
היים נאר די אלע לייט
נעהען א ביסעל אין א זייט,
איך האב די קוניץ געוויזען דער וועלט,
און האָב מיט איהר פאַרדינט
אַ אוצר געלט,
זעהט איהר דארט דאס פייגעלע ?
איך גיב א ציל מיט מיין אייגעלע
קוקט נור אלע, קוקט גאניץ גוט
וועט איהר זעהען ווי אין איין מינוט
וועט עס פון מיר דערשאסען ווערען
און זיך דריי מאל קאפּויר איבערקערן.
די מאלפע האט זיך נישט לאנג געשפּילט
דא האט זי גערעדט, דא האט זי געצילט
און האט דאס פייגעלע טויט געשאסען
און דאס בלוט האט זיך דערפון געגאסען
איצט האבען די חיות אנגעהויבען
די מאלפע זעהר שטארק צו לויבען...
אט דא גוט נאר א קיק !
דאס הייסט אין אמת א קוניץ שטיק !...
פלוצים איז אבער דער לייב געקומען
און האט אנגעהויבען צו ברומען
פארפינצטערט איז דעם׳ס יאר
וואס ער מיינט בא זיך נאר
אז זיין חכמה באווייזט ער דערמיט
וואס ער קען שנעל הרגנ׳ען גיט
נאר יענע מלאכות אליין
הייסען בא מיר נאר שעהן
וואס מטוט מיט זיי
דעם צווייטען נישט וועה . . .

איך דענק אז דיזער משל איז פארטרעפלעך צו געטראַפען צו די ערפינדונגען, פון אונזער צייט . . . 1) שמות י״א. 2) שם א. 3) שם שם.

מיר :ווייסען גאנץ גוט, אז ווען עמיצער וויל לערנען דעם צווייטען א גוטע מדה, מוז ער אליין זיין אויסגעארבייט אין דער דאזיגע מדה. דערמיט טייטשען די חכמי המוסר דעם פסוק, ובערת הרע מקרבך וכל העם ישמעו ויראו, דאס גאהט אויף איינעם וואס וויל זאגען מוסר דעם עולם, דארף ער צום ערשטען פון זיך אליין אויסראמען אלע שלעכטע מדות דאס הייסט, ובערת הרע מקרבך, און נאר דאמעלס, וכל העם ישמעו ויראו, וועט דאס פאלק דיך אוים הערצן פון דיינע רייד וועלען אויף זיי ווירקען . . . דערמיט פארשטעהען מיר די ווערטער וואס נתן הנביא האט געזאגט צו דוד'ן גם ה׳ העביר חטאתך אפס כי נאץ נאצת אתן אויבי ה׳ בדבר הזה גם הבן הילוד לך מות יומת,(1) ווייל אין פלוג איז דאך נישט צום פארשטעהען נאך דעם וואס דער נביא האט איהם געזאגט דארויף וואס ער האט פריר געזאגט חטאתי לה׳. גם ה׳ העביר חטאתך, דאס הייסט אז גאט האט איהם מוחל געווען זיין חטא, ווי אזוי האט ער איהם נאך דעם געזאגט, אפס כי נאץ נאצת וגו׳ גם הבן הילוד לך מות יומת?

דאריבער מוזען מיר זאגען אז לעולם דארויף וואס דוד האט איינגערקענט זיין זינד און האט געזאגט, חטאתי לה׳. האט איהם דער נביא געזאגט, גם ה׳ העביר חטאתך, נור אזוי ווי דוד האט אויף דעם זעלבען חטא וואס ער אליין האט געטאן געמוסרט אנדערע און האט זיי גערופען אויבי ה׳, דארויף האט ער געהאט דעם עונש וואס דער נביא האט איהם אויסגעשפראכען, און דאס פארשטעהען מיר אין די ווערטער פונ׳ם נביא וואס ער האט איהם געזאגט, גם ה׳ העביר חטאתך, אפס, נור, דערפאר וואס נאץ נאצת את אויבי ה׳ בדבר הזה, מיט דעם זעלבען חטא וואס די ביזט באנאנגען האסטו דערצערענט אנדערע און האסט זיי גערופען אויבי ה׳. אט דערפאר האסטו דעם עונש אז, גם הבן הילוד לך מות יומת.

איצט פארשטעהען מיר שוין, השי״ת האט געוואלט אז די מצריים זאלען לייען צו די אידען כלי כסף וכלי זהב, דאס הייסט אז זיי זאלען באזיצען די מדה פון גמילת חסד, האבען צום ערשטען די אידען אליין געמוזט באזיצען די דאזיגע מדה אז איינער זאל וועלען לייען דעם צווייטען וואס ער וועט בא איהם פארלאנגען, כדי זיי זאלען קענען בעאיינפלוסען די מצריים זיי זאלען אויך באזיצען די דאזיגע מדה, דאריבער האט השי״ת געזאגט צו משה׳ן אז ער זאל איינראמען א סוד די אידען אין די אויערען און זיי זאגען, וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה, איין איד באם צווייטען און איין אידישע פרוי בא דער צווייטער זאלען לייען כלי כסף וכלי זהב, און נאך דעם וואס זיי אליין וועלען באזיצען די מדה פון לייען איינער דעם צווייטען, וועט עס קענען געשהען, ויתן ה׳ את חן העם הזה בעיני מצריים. אז די מצריים זאלען אויך באזיצען די דאזיגע מדה און

1) שמואל ב י״ב.

זיי וועלען לייען צו די אידען כלי כסף וכלי זהב.

לויט דעם אלעמען פארשטעהען מיר שוין, אז ווען א איינציילנער מענש מוז צום ערשטען אליין באזיצען די מדה וועלכע ער וויל לערנען און בעאיינ־פלוסען דעם צווייטען, מוז א גאנץ פאלק אודאי צום ערשטען אליין זיין אויסנעארבייט אין די מדות ומוסר וועלכע ער וויל אנדערע לערנען, און ווען דאס אידישע פאלק האט די מיסיאן אויפצוהויבען די מאראל דעם יושר פון די מענשהייט, מוזען זיי צום ערשטען אליין האבען דערגרייכט די הויכסטע מדרגה פון מוסר און מדות, נור דאמעלס וואלטען זיי געקענט ווירקען אויף די גענצע מענשהייט זאל דערגרייכען דעם בעוואונשטען ציל פון אומאניטעט און יושר, און ווען מיר זעהען אז די מענשהייט בכלל איז נאך גאר ווייט פונ'ם אמת'ן מאראל און יושר און דאס שלעכטיגקייט פון די מענשען איז שרעקליך גרויס, איז דאס א סימן אז מיר אידען זענען נאך אויך ווייט פונ'ם ריכטיגען צדק און יושר.

וואסזשע איז אונזער פליכט?

מיר דארפען אליין זיך אויסארבייטען אז מיר זאלען דערגרייכען די הוכסטע מדרגה פון מוסר און מדות און נור דאן וועלען מיר קענען צו פירען די גאנצע מענשהייט צום געוואונטשען ציל לויט די פראפעצייאונג פון אונזערע הייליגע נביאים.

# לך׳

## ב.

## טעמא: גלות מצרים, דער איצטיגער גלות, די גאולה.

ווען מיר לערנען אין היינטיגער סדרה די געשיכטע פון אונזער שטאם פאטער אברהם, געפונען מיר. ויאמר אליו אני ה׳ אשר הוצאתיך מאור כשדים לתת לך את הארץ הזאת לרשתה וגו׳ ויאמר, ה׳ אלקים במה אדע כי אירשנה [1] און גאט האט געזאגט צו אברהם׳ן איך בין דער גאט וועלכער האב דיך ארויסגענומען פון אור כשדים דיר צו געבען דאס דאזיגע לאנד אלס א ירושה און אב״הם האט געזאגט, גאט, האר פון דער וועלט, ווי אזוי ווייס איך אז וועסט מיר געבען די דאזיגע ירושה? ווען מיר לערנען די דאזיגע פסוקים, שווימט באלד ארויף אויף אונזער געדאנקען די פראגע: אברהם וועלכער איז געפריווט געווארען מיט אזעלכע שווערע נסיונות, און איז אלע גלענצענד ביינעשטאנען, אברהם דער ראש המאמינים זאל פלוצים צווייפלען אין גאט׳ס הבטחה, איהם צו פרעגען, במה אדע כי אירשנה? אמת, אונזערע חכמים זאגען טאקי, מפני מה נענש אברהם ונשתעבדו בניו מאתים ועשר שנים במצרים, מפני שהפריז על מדותיו של הקב״ה ואמר במה אדע [2] פאר וואס איז אברהם אבינו באשטראפט געווארען און זיינע קינדער זענען געווען פארשקלאפט אין מצרים צוויי הונדערט מיט צעהן יאהר, ווייל ער האט געצווייפעלט אין גאט׳ס הבטחה און האט געזאגט במה אדע. לויט דיזען מאמר איז אבער פארדאפעלט די פראגע, ערשטענס ווי קומט עס טאקי אז אברהם דער ראש המאמינים זאל מפריז זיין על המדה און פרעגען במה אדע? צווייטענס ווען מיר זאלען אפילו אן נעמען אז אברהם האט געזינדיגט דער מיט וואס ער האט געזאגט במה אדע, נו, דערפאר זאל א גאנץ פאלק ליידען שווערען גלות צוויי הונדערט מיט צעהן יאהר, וואו געפינען מיר נאך אזא משפט, מיר וואלטען געקענט פארשטעהען אז אברהם אליין זאל געווען באשטראפט ווערען פאר דעם חטא וואס ער האט געזאגט במה אדע, אבער ווי אזוי קען מען פארשטעהען, אז זיינע קינדער א גאנץ פאלק, זאל ליידען שווערען גלות צוויי הונדערט מיט צעהן יאהר, דורך דעם וואס זייער שטאם פאטער איז נכשל געווארען און געזאגט במה אדע? וואו

---

1) בראשית ט״ו. 2) נדרים ל״ב.

נעפונען מיר ערנייץ אזא משפט? די תורה אליין זאגט דאך, לא יומתו אבות על בנים איש בחטאו יומת [1] אויף אזא משפט האט זיך דער נביא יחזקאל אויך פער־וואונדערט און האט געזאגט, אבות יאכלו בוסר ושני הבנים תקהינה ? די עלטערן עסען זויערע טרויבען און די ציין פון די קינדער זאלען הייליק ווערען?

ווען מיר וועלען זיך אבער גוט אריין טראכטען אין דעם דאזיגען ענין וועט אונז אלעס קלאר ווערען.

מיר ווייסען אז דער הויכסטער אידיאל פון אונזערע נביאים, איז דער פאל־קאמענער פרידען, דער ערנענצליכער שלום וואס וועט ענדליך הערשען אויף דער וועלט אין דער קינפטיגער צייט, אלס סימבאל פון דיזען פולשטענדיגען שלום וועלכער וועט פארווירקליכט ווערען באחרית הימים, זאגט אונז דער נביא, וגר זאב עם כבש, ונמר עם גדי ירבץ ועגל וכפיר ומריא יחדיו ירבצו ילדיהן וגו׳ ושעשע יונק על חר פתן ועל מאורת צפעוני גמול ידו הדה, לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי [2] דא מאלט אונז דער נביא קונציג, מיט ליכטיגע פארבען, דעם קינפטי־גען שלום פון דער וועלט באחרית הימים, אז נישט נור מענשען וועלען זיך פריד־ליך לעבען און וועלען נישט מעהר וויסען פון שנאה און האס, נור אייך די וויל־דעסטע און ברוטאלסטע באשעפענישען וועלען דאמעלס לעבען רוהיג און שטיל צוזאמען מיט די שוואכסטע ברואים, און עס וועלען צוזאמען וואוינען — זאגט דער נביא — א וואלף מיט א שאף, א לעמפערט מיט א ציג וועלען צוזאמען רוהען, א קאלב מיט א לעמפערט וועלען אין איינעם פיטערען זייערע קינדער א קליין יונגעל וועט זיי פירען, א קוה מיט א בער וועלען צו זאמען פאשען. א זויג־קינד וועט זיך שפילען אויפ׳ן לאך פון א גיפטיגער שלאנג, און אויפ׳ן שפאלט פון א ברענענדיגען וויפער וועט א קינד הויבען זיין האנד. זיי וועלען נישט שלעכט׳ס טאהן און וועלען נישט מעהר פארדערבען אויף מיין גאנצען הייליגען בארג, זאגט גאט׳ . . .

דאס איז דער הויכסטער אידיאל פון שלום פון אחרית הימים.

עס פרעגט זיך אבער, האט דען אזא סארט שלום נאך נישט עקזיסטירט אויף דער וועלט, און דאך האט ער נישט אויסגעהאלטען, און די וועלט איז ווידער פול געווארען מיט שנאה און האס, מארד און רציחה און אלע סארטען מורא׳דיגע אכזריות, מיר געדענקען נאך פון פארינגער סדרה, אז השי״ת האט געזאגט צו נח׳ן, ער זאל אריין נעמען אין דער תבה, מכל החי מכל בשר, מהעוף למינהו ומן הבהמה למינה מכל רמש האדמה למינהו [3] מיט נח׳ן אין דער תבה האבען אין דער צייט פונ׳ם מבול אויך געלעבט צוזאמען דער וואלף מיט דער שאף, דער לעמפערט מיט דער ציג, די קוה מיט׳ן בער, דער מענש מיט דער גיפטיגער שלאנג

1) דברים כ״ד. 2) ישעי׳ י. 3) בראשית נ.

און האבען נישט נעשעדינט, נישט שלעכט'ס נעטאהן איינער דעם צווייטען עס פרענט זיך דאריבער, אויב יענער שלום האט נישט אויסגעהאלטען, מיט וואס זענען מיר פארזיכערט אז דער שלום פון ישעי' הנביא פון אחרית הימים וועט זיין א אייביגער?

עס איז אויך שווער צו פארשטעהען, ווי קומט עס וואס די תורה, אונזערע נביאים, און אונזערע חכמים האבען גענצליך פארשוויגען יענעם וואונדער פון נח'ס תבה וואו אלע באשעפענישען האבען פרידליך געלעבט, און האבען בכלל זעהר וועניג גערעדט פון יענעם וואונדער? כדי דאס אלעס צו פארשטעהען מוזען מיר אפלערנען א קורצען פסוק אין הלכות הפוליטיקא. מיר זעהען אז איז יעדען ציוויליזירטען לאנד, סיי אין א מאנא־כיש לאנד, סיי אין א רעפובליקאנישע מדינה עקסיסטירען פארשידענע פארטייען, וועלכע זענען זיך די גרעסטע שונאים. איין פארטיי קריטי־קירט די צווייטע, די שנאה צווישען די פארטייען איז אזוי גרוים אז זי פירט צו די גרעסטע שקאנדאלען אפילו צו געשלעג און א מאל אויך צו פאליטישע אטענ־טאטען. יעדע פארטיי האט זיך איהר ארגאן אין וועלכען זי שיט פעך און שוועבעל אויף די אנדערע פארטייען, פון דעסטוועגען אויב א אויסענוועניגסטער שונא דראהעט דאס לאנד און די שטאאטס אינטערעסען זענען אין א סכנה, אין יענעם מאמענט פאראייניגען זיך אלע פארטייען און פארגעסען אלע זייערע אינטריגעס אין קרוגע־רייען פון פריה, און טראכטען צוזאמען ווי אזוי צו שיצען דאס לאנד פון דער סכנה.

פון וואנען קומט די פאראייניגונג פון די אלע פארטייען וועלכע זענען נעכטען געווען טויטליכע שונאים איינע די צווייטע? דאס קומט דערפון, ווייל דער גרויסער פחד פארן אויסערליכען שונא פאראייניגט זיי און מאכט זיי פארגעסען זייערע פרירינגע אינטריגעס.

און אזוי זעהען מיר אויך אינם פראקטישען לעבען, צוויי מענשען וועלכע זענען זיך שרעקליכע שונאים, ווען עס קומט איבער זיי ביידע א סכנה, דאמעלס פאר־אייניגט זיי דער פחד און דער שרעק פונ'ם גרויסען געפאהר וועלכער דראהט זיי, ווען עס זאלען, למשל, פאהרען אויף א שיפעל צוויי שרעקליכע שונאים און דאס שיפעל זאל זיך איבערקערן און זיי זאלען ביידע אריין פאלען אין וואסער, וואלטען מיר געזעהן ווי ראנגלענדיג אין די טיפינעש פונ'ם וואסער וועלען זיי זיך ביידע ארום נעמען אזוי ווי צוויי בעסטע גוטע פריינד, ווייל די מורא פאר'ן טויט מאכט זיי פארגעסען זייער פערזענליכע שנאה פון פריר און פאראייניגט זיי.

דערמיט פארשטעהען מיר וואס די תורה זאגט, ואהבת לרעך במוך אני ה' [1] ווייל ווען א מענש זאל באמת מורא האבען פאר נאט, וואלט די דאזיגע מורא

---

1) ויקרא י"ט.

פארטריבען פון איהם יעדען האס און שנאה צום צווייטען און איין מענש וואלט ליב געהאט דעם אנדערען.

איצט פארשטעהען מיר שוין גאנץ גוט, אז דער שלום פון די באשעפעני־שען און נח׳ס תבה, האט נישט געקענט בעטראכט ווערען אלס א ריכטיגער שלום ווייל דיזער שלום איז געקומען נאר דורך דער סכנה פונ׳ם מבול, דער פחד פונ׳ם וואסער האט זיי פאראייניגט, א סימן אז אזוי ווי עס איז נאר פאראיבער די סכנה און זיי זענען ארויס פון דער תבה. זענען די באשעפענישען זיך ווידער געווארען די זעלבינע שונאים ווי פריער, און א שעפעלע האט ווידער נישט מעהר געקענט וואוינען צוזאמען מיט׳ן וואלף אדער א קיה מיט א בער, אזא שלום וועלכער קומט פאר פחד איז טאקי נישט ווערט מ׳זאל ריידען פון איהם? פונקט אזוי ווי עס איז נישט ווערט צו ריידען פון אזא שלום וואס עס ווערט געשלאסען צווישען די פארטייען פון יעדע מדינה, דורך דער סכנה פונ׳ם אויסענוועניגסטען שונא. ווייל ווי באלד די סכנה געהט נור אוועק ווערען זיך די פארטייען צוריק די זעלבע שונאים ווי פריער . . .

דער שלום פון וועלכען דער נביא רעדט אבער פון אחרית הימים, איז א אנדער סארט שלום, דאס איז א שלום וועלכער וועט קומען נישט אויס פחד פאר א סכנה, נאר א שלום פון איבערצייגונג, די גאנצע מענשהייט אויך אלע באשעפע־נישען וועלען זיך פאראייניגען דורך דעם, ווייל זיי וועלען קומען צום אמת׳ן דעת, צום אמת׳ן וויסען וואס שטימט נישט מיט האס און שנאה, מיט אכזריות און ברו־טאליטעט, נור מיט אהבה מיט ליבשאפט פון איינעם צום צווייטען, און אזא שלום וועלכער וועט קומען פון איבערצייגונג וועט האבען א קיום און וועט שוין זיין א אייביגער . . .

לויט דעם אלעמען וועלען מיר שוין פארשטעהען פאר וואס אונזער פאטער האט געזאגט צו השי״ת ווען ער האט איהם מבשר געווען די בשורה, אז ער וועט מאבען ירשנה׳ען דאס לאנד ארץ ישראל צו זיינע קינדער, במה אדע כי אירשנה. אונזער פאטער אברהם האט מיט זיין נביאישען בליק בעטראכט דעם כאראקטער פון זיינע קינדער, ער האט געזעהען אז אידען צווישען זיך האבען נישט קיין שלום אידען האבען זיך נישט ליב, אנהויבענדיג פון יעקב׳ס קינדער האט ער שוין דער־זעהען די קריגערייען און צאנקערייען צווישען זיי, און ווען השי״ת האט איהם אנגעזאגט די בשורה אז ער וועט געבען דאס לאנד צו זיינע קינדער, האט איהם אונזער פאטער אברהם געשטעלט א פראגע, לעבעדיגער גאט! צו האבען א אייגען לאנד מוז מען דאך זיין פאראייניגט צווישען זיך, דאריבער אמת, איך צווייפעל נישט אין דיין הבטחה, אבער במה אדע כי אירשנה, איך וויל זאלסט מיר מודיע זיין דורך וועלכע זאך וועלען מיינע קינדער קענען דערהאלטען די דא־

זינע ירושה, ווען דאס פארלאנגט איינינקייט און איך זעה אין מיינע קינדער א קרינירישען גייסט, אברהם האט נישט געזאגט, במה אדע כי ׳תורישנה׳, מיט וואס וועל איך וויסען אז די וועסט מאכען ירשנה׳ן דאס לאנד צו מיינע קינדער, ווייל אין דער הבטחה פון השי״ת איז ער געווען זיכער, ער האט נור געזאגט, במה אדע כי „אירשנה", דאס הייסט מיט וואס וויים איך אז מיינע קינדער פון זייער זייט וועלען קענען דערהאלטען די דאזיגע ירושה ?

דארויף האט איהם השי״ת געענפערט, אמת אברהם, די ביזט גערעכט דיינע קינדער זענען קרינירישׂ אין וועלען זיך נישט קענען פאראייניגען צו פירען א לאנד איך האב אבער א מיטעל דערצו ידוע תדע כי גר יהי׳ זרעך בארץ לא להם ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה, דיינע קינדער וועלען זיין פארשקלאפט און אונטער־דריקט אין מצרים און אט די פארשקלאפונג וועט זיי פאראייניגען אזוי אז דאס וועט זיי צו ברייגגען דערצו אז זיי זאלען קענען ירשה׳נען דאס לאנד וואס איך בין דיר מבטיח.

איצט פארשטעהען מיר שוין אז אונזער פאטער אברהם האט נישט אויף א האר געצווייפעלט אין דער הבטחה פון השי״ת און אז דער, ידע תדע, איז אויך נישט געווען קיין עונש אופ׳ן במה אדע.

וואס לערנען מיר דערפון ?

אז דורך דעם קרינירישען גייסט וואס עקסיסטירט בא אונז, זענען מיר געוועהן פארשקלאפט אין מצרים, דורך דעם זעלבען קרינירישען גייסט איז אונזער מלוכה צוריסען געווארען אויף צווייען אין דער צייט פון רחבעם דער זין פון שלמה, דורך דעם זעלבען קרינירישען גייסט זענען מיר פארטריבען געווארען אין לאנגען פינס־טירען גלות אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען, לא חרבה ירושלים אלא מפני שנאת חנם שהי׳ בהם [1].

דורך דעם זעלבינגען קרינירישען גייסט וואס הערשט נאך היינט בא אונז, נעהט די ארבייט פון אונזער נאציאנאלע ווידער אויפלעבונג, און דער אויפבוי פונ׳ם לאנד פון אונזערע אבות אזוי שווער און לאנגזאם, און דורך דעם זעלבינגען קרינירישען גייסט זענען מיר נאך נישט אויסבעלייזט געווארען פון איצטיגען שווער־רען גלות . . .

שוין די העכסטע צייט אידען זאלען דאס באקענען און עס זאל שוין אויפהערען צווישען אונז שנאת־חנם, עס זאל זיך אנהויבען בא אידען א ערא פון אינערליכען שלום און אז עס וועט זיין שלום על ישראל וועט קומען די אכת׳ע גאולה במהרה בימינו אמן.

---

1) יומא ט׳.

# לקוטים ממבחר הדרושי·

## על איזה פסוקים ומאמרי חז״ל והענינים הנזכרים בהדרשות הקודמות

## לך

### לדרוש א.

א) שמעו אלי רודפי צדק מבקשי ה׳ הביטו אל צור חצבתם ואל מקבת בור נקרתם, הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם כי אחד קראתיו ואברכהו וארבהו (ישעי׳ נ״א). יש אנשים היודעים ומכירים גודל ערך מצות הצדקה ומודים שמצוה גדולה לרדוף אחריה להשיגה בכל זאת רחוקים הם מצדקה, יען שכל העניים הם רמאים ורשעים בעיניהם וכשמוכיחים אותם מדוע אינם נותנים צדקה באים בטענותיהם תנו לנו עניים מהוגנים עניים צדיקים עטופי רעב שנדע כי עמלנו קולעת אל המטרה ולא נחטיא, אבל לא לפזר עמלנו לכל ארחא ופרחא מבלי שנדע טיבו ומעשיו, האנשים האלה אינם רוצים לדעת כי מצות הצדקה מחייבת לפתוח יד לכל הפושט את ידו ליטול, וכי אין בודקין למזונות הורו לנו רז״ל ושכ״כ גדולה הוא מצות הצדקה עד שכדאי שממאה פ׳יטות שמפזר תבא אחת מהם אל המטרה, ורק מי שנוהג כן לא יכשל לעולם, אבל העוצר את ידו משום החשש עני שאינו הגון ומחכה עד שיזדמן לידו צדיק כחפצו לא יתן לעולם, כי אל מי יתן אם גם הצדיקים בעיניו גם הם לא צדיקים כאשר חשב. באזני אנשים כאלה דיבר הנביא ואמר להם, שמעו אלי רודפי צדק, אשר בפיכם אתם אומרים כי אמנם גדולה היא מצות הצדקה ומצוה לרדוף אחריה, אבל — מבקשי ה׳ — אלא אתם מבקשים צדיקים אמתיים עניים עובדי ה׳ למען תדעו כי קלעתם אל המטרה לא כן היא מדת הצדקה, הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם, נדיבת לב אבינו הראשון אברהם ואמנו שרה יהי׳ לכם למופת — כי אחד קראתיו — יחיד הי׳ צדיק בעולמו אין שני בדומה לו כי כולם היו עובדי אלילים, עכ״ז פתח דלתי ביתו לכל עובר ושב, אלו היה אברהם קופץ את ידו מליתן עד שיזדמן צדיק, לעולם לא היה נותן כי יחיד הי׳ בעולמו אז — כי אחד קראתיו ולכן בזכות זה אברכהו וארבהו . . .[1])

1) ע״פי הר״ר שלמה טאוושנסקי בספרו פרות יעקב על מ״א.

ב) ועפי"ז נבין מה שאמרו ז"ל (חנינה ה') ע"הכ, והיה כי תמצאנו אותו רעות רבות וצרות, זה הממציא לו מעות לעני בשעת דחקו, אמר רבא ה"ד אינשי זוזא לעללא לא שכיחא לתליתא שכיח, ורש"י נדחק בביאורו ובתוס' הק' ממס' (יבמות ס"נ) המלוה סלע לעני בשעת דחקו עליו נאמר אז תקרא וה' יענה, לכן נראה דבאמת קשה ג"כ לשון „הממציא" לו מעות לעני בשעת דחקו ומדוע לא אמר המלוה או הנותן? אבל הכונה היא על אותן האנשים שכשבא עני לבקש ממנו איזה נדבה הוא יאמר אין זה עני, הוא עשיר יותר ממנו, ובאמתלה זו אינו רוצה ליתן לשום עני כי כולם הם בעיניו עשירים יותר ממנו, ולפי"ז כונת מלת „הממציא" אינו שנותן לו מעות רק שממציא לו לומר שיש לו מעות, ובאמת הוא שעת דחקו, ונצרך לעזר ותמיכה ועי"ז יש לו צרות רבות ורעות, וזה שאמר רבא, זוזא וכו' לפי שרואה דשכיחא לי' זוזא לתליתא סובר דיש לו מעות, ובאמת אין לו לעללא רק לתליתא ועי"ז נשאר בדחקו . . . [1]

ג) ולפי דעתי נוכל לתרץ קושית התוס' באופן אחר, כי הנה אחת ממדות הצדקה שהרמב"ם ז"ל הולך ומונה היא גם זו לפקוח עין על העני לעזור לו בעוד עת לא להמתין עד שיהי' לו דוחק גדול מאוד, וז"ש והיה כי תמצאנה אותו רעות וגו' זה הממציא לו לעני מעות בשעת דחקו ר"ל שממתין להושיט לו יד עזרה עד שיהי' לו דוחק גדול ולנוע ברעב וכפן ממש, ומ"ש ביבמות המלוה סלע לעני בשעת דחקו פירשו המפרשים בשעת דחקו של הנותן, פי' אף שגם הזמן דחוק מאד עכ"ז הוא מלוה לעני, עליו נאמר אז תקרא וה' יענה. [2]

ד) לך לך מארצך וגו' ואברכך ואגדלה שמך וגו' (בראשית י"ב) בפנים הבאתי דעת הרמב"ם כי נסיון זה הי' הקשה מכולם, ורבים מקשים שלכאורה הי' נסיון העקדה קשה יותר מנסיון לך לך, כי מי לא יקבל עליו גלות תחת לשחוט את בנו יחידו אהוב נפשו? לכן נראה כי נסיון לך לך הי' קשה מצד אחר, כי הנה אבינו אברהם קיים בודאי מצות ה' בכונה טהורה בלי מחשבת קבלת פרס, ולכן בנסיון זה כשאמר לו הקב"ה לך לך וגו' ואעשך לגוי גדול, ואברכך, ואגדלה שמך, והיה ברכה, ואברכה מברכיך ומקללך אאור, הבטחות גדולות ויקרות כאלה, נחוץ הי' לאברהם התאמצות כבירה לבל יתפש ברשת המחשבה שלמען ההבטחות הללו יעמוד בנסיון זה, ומצד זה הי' הנסיון הזה הקשה מכולם כי הי' צריך לקיים מצות ה' בלי מחשבות קבלת פרס למרות כל ההבטחות הללו. [3]

---

1) הגאון מהררי"א לנרא. 2) ד"ע. 3) ד"ע.

# לך

## לדרוש ב.

א) בגמרא (ברכות ז') כתיב (שמות כ') פוקד עון אבות על בנים וכתיב (דברים כ"ד) לא יומתו אבות על בנים, ומשני כאן כשאוחזין מעשה אבותיהן בידיהן וכו' והנה לבד תירוץ הגמרא מצינו בכוונות האר"י ז"ל שתירץ דכאן כתיב עון וכאן כתיב „חטא" דודאי החטא שהוא שוגג יש במיתת עצמו כדי לכפר, אבל „עון" שהוא מזיד אין במיתה עצמו כדי לכפר וצריכין הבנים לשלם עבורו ולכך כתיב פוקד „עון" שהוא מזיד, אבות על בנים, אבל איש „בחטאו" שהוא שוגג, יומת, וזה, אבותינו „חטאו" ואינם ואנחנו „עונותיהם" סבלנו, וכן הוא אומר, כי בחטאנו ובעונות אבותינו ירושלים ועמך לחרפה, הדי שיחסו החטאים אל עצמם והעונות אל אבותיהם ע"כ תורף דברי האר"י ז"ל ועפ"י הקדמה זו אפשר לפרש הכתוב, אוי גוי חוטא עם כבד עון זרע מריעים בנים משחיתים, ר"ל אוי ואבוי להם באשר הם גוי חוטא מלאים שגגות, ולא די זאת, אלא הם גם עם כבד עון מלאים זדונות, דלו היו רק גוי חוטא אז היו מריעים לעצמם לבד דאיש „בחטאו" יומת, אבל עתה שהם גם עם כבד „עון" שהם זדונות, נמצא שהם מריעים ומשחיתים גם לבניהם, וזה, זרע מריעים בנים משחיתים, כמ"ש פוקד „עון" אבות על בנים [1])

ב) ויש להתאים תירוץ האר"י ז"ל הנזכר עם מה שמתרץ בגמרא כאן כשאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם כאן כשאין אוחזין מעשה אבותיהם בידיהם, באופן זה, כי מי שחוטא בשוגג בודאי אינו חוטא בכל פעם ובניו אינם לומדים ממנו שיחטאו גם המה, אבל מי שעובר עברות בזדון ובשאט נפש הנה איש כזה הוא שטוף בעברות על כל שעל וצעד ובניו לומדים ממנו את כל דרכיו הנלוזים והוא בעל עברות כמוהו, ולפי"ז מתאימים דברי האר"י ז"ל עם התירוץ של הגמרא כי מי שחוטא בשוגג הנה בניו אינם אוחזים מעשה אבותיהם בידיהם, ולכן אינם נענשים רק הוא לבדו חטאו ישא, אבל מי שעובר עברות בזדון הנה בודאי הבנים אוחזים מעשה אבותיהם בידיהם ונענשים ג"כ ע"י עון אבותיהם כמ"ש פוקד „עון" אבות על בנים. והבן [2])

---

1) הגאון בעל זרע ברך. 2) ד"ע.

# ביבליאטעק אידישע וויסענשאפט

ערשינענע ביכער פון הרה"ה מר שמואל שוועמער הי"

1) בית ועד לחכמים (עבריה) נמצא עקסעמפלרים מעטים 50 לעי

2) פאלשטענדיגע כראנאלאגיע פון דער אידישער געשיכטע ([illegible] עקזעמפלארן) 120 „

3) הונדערט יאר אידישע געשיכטע פון 1829 ביז 1929 (אויספארקויפט)

4) תורת הנפש (עבריה) נמכר

5) דער טורען־קולט בא אידן צווי טייל (אויספארקויפט)

6) ספר קונטרס מלואים ותיקונים לספרי עזרה להבין להרב ר' יצחק מעלער ז"ל מבולגראד (אויספערקויפט)

7) דער נייער ספר הדרשות אויף גאנץ תורה און אויף אלע ימים טובים ערשטעס העפט בראשית און צווייטעס העפט נח, לך. 100 „

8) אידישע וויסענשאפט 19־טער יארגאנג א גאנץ יאר 240 „ פאר כלי קדש בעלי מלאכות און איינגעשטעלטע נאר 160 „

ווער עס באצאלט פאר א גאנץ יאר פאר די „אידישע וויסענשאפט" בעקומט די אלע אויסגערעכענטע ספרים פאר האלב פרייז.

ב"עה

מודעה!

ספרי דרוש, ספרי יראים, ספרי חסידות, ספרי קבלה, ספרי השכלה, ספרי דברי ימי עולם בעברית וביהודית יש למצא אצלי במקח השוה.

כתובתי:

**Rabin Ş. ŞFEMER, Str. Lazăr 2 Iaşi România**